STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04119

# OYF MAYN FIDELE LID

M. M. Shaffir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

# אויף מיין פידעלע ליד



מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1966

M. M. SHAFFIR

# OIF MINE FEEDELE LEED

## ON MY FIDDLE

POEMS

גלאָסאַר און עטלעכע ווערטער — ביים סוף

Printed in Canada by
NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1966

## בוקאָווינער לאַנדשאַפט מיט אַ קראָ

ווייסע און געפלעקטע קי,
בערגעלעך ווי האָרבן.
פלוצעם: שאַ, די צערקווע קלינגט —
עמעץ איז געשטאָרבן.

אויף אַ הויכן סאָסנע־שפּיץ
שטייט אַ קראָ, אַ זקנה —
ווערט פון איר אַ קלאָגערן —
נעמט זי קראַקען, וויינען.

פון דער ווייטנס זעט זי שוין
ווי די טרונע רירט זיך,
און ווי יידן מיידן־אויס
צווזען — ווי סע פירט זיך.

פונעם הויכן סאָסנע־שפּיץ
זעט זי פון דער ווייטנס
ווי האָרבאַטע כאַטקעלעך
אויף אַ בערגל רייטן.

און אַריבער באַרג און דאָרף
שטייט אַ שטעטל יידן,
מיט אַ מאַרק, מיט קלייטעלעך,
און בפרט — יאַרידן . . .

„ווען וועט מען די יידעלעך
נעמען און פאַרטרייבן,
אַז נאָר בלויז געקלאָג, געשריי
זאָל נאָך זיי פאַרבלייבן?"

אָט איז שוין דער גלח דאָ,
און די טרונע אָט איז —
אויף אַ שליטן שלעפּט מען זי,
אויף פאַרדאַרטע בלאָטעס.

סלינעדיקע אָקסן צוויי
שלעפּן קוים דעם שליטן,
און די טרונע טרייסלט זיך,
ליגט קוים איין אין מיטן.

אָט איז שוין דאָס צווינטערל,
וואו די טויטע וואוינען;
און די קאָפּליצע, וואו ליכט
טשאַדען ווי די קוימענס.

ווייסע און געפלעקטע קי,
בערגעלעך האָרבאַטע.
שטילער קלינגט די צערקווע אַלץ —
זי האָט זיך פאַרמאַטערט.

## ווייפל כוואַליעס האָסטו, טייך

ווייפל כוואַליעס האָסטו, טייך —
זאָג, איך בעט דיך, ווייפל,
ווי אַ דרימלענדיקער שוואַן
רוט אויף דיר מיין שיפל.

כ׳האָב די וועסלעס אָפּגעלאָזט׳
כ׳וויל זיי מער נישט רירן,
און די שטילקייט האָט פאַרמאַכט
אירע זיבן טירן.

זיבן טירן צוגעמאַכט.
איינע נאָר, די אַכטע,
די געדאַכטע חלום־טיר —
אָפן, אָ פאַרטראַכטע . . .

## אַ פאַרבאָרגענע האַנט

א. סוצקעווער — אַ מתנה

אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט אַהער מיך מגלגל געווען,
אין די וויטן,
איך זאָל דאָ אויף מיין פידעלע דין, וואָס חלשט אויף
ווערבעס ביי טייכן,
פאַרציען אַ ניגון, וואָס איך פאַרגעדענק אים פון
לאַנגסטיקע צייטן,
און טונקען אין קרוג פון מיין בענקשאַפט, ער זאָל
מיר די פרעמדן באַלייכטן.

דער ניגון ציט־דורך דאָס לשון דער מאַמעס, וואָס
איך האָב געירשנט.
ער קומט ווי אַ ליכטיקער וואָלקן און גיט מיר צוויי
פליגל פאַרטראַכטקייט.

אויך דאָ וועל איך פלאַנצן אַקעגן מיין פענצטער
א ביימעלע קאַרשן,
און בעטן די שטערן, זיי זאָלן געצעלטיקן איבער
מיין נחלה.

סע טרעפט, מיך באַפאַלן, ווי פון א באַהעלטעניש,
נאַכט־צייט, קאָשמאַרן —
זיי הויקערן זיך ווי וואַראַנעס און לאָמען אַרום אין
מיין דרימל,
און זויגן די קוועלעכלעך בלוי פון מיין חלום —
מיט זייערע מראהס,
און וואַלגערן־איין מיט די פינצטערע שנאָבלען
פאַרטאָג־צייט דעם הימל.

די דערמאָנעניש לאָזט מיך נישט אָפּ, נאָר די פּיין
האָט זיך איבערגעלייטערט.
וואָס די אַנגסטן שטשאָבען־צונויף — זאָל פאַלן
אויף וועלדער, אויף פוסטע.
אַ פאַרבאָרגענע האַנט האָט אַהער מיך מגלגל געווען
אין די ווייטן,
איך זאָל ווייטער נאָך הימלען, וואָס העלן זיך,
בענקען און גלוסטן.

כ׳וועל נישט וואַרפן מיין פידעלע, דין־געשניצט,
וואָס שפּילט שוין דורות,
אויף די מיסטן אין ווינקל הויף, וואו ס׳איז שטענדיק
אַ שדים־געשושקע.
די פשוטע קלאַנגען, וואָס שפּינען זיך אין מיר און
קוואַליקן, יורין —
זיי קומען צו מיר אין מיין פּיין, מיט טרייסטונג
די ליפּן מיר קושן . . .

## אַ תפילה קצרה

איך וואָגל צום ברעג פונעם אָוונט צו,
נאָך אַ ווינטל טרייסט, נאָך אַ רגע רו.

אַ כמאַרע קלייבט זיך, אַ פולע טראַכט.
מיט פליגל פון אַנגסטן פּאָכעט די נאַכט.

שטיקער חושך ריַנגלען מיך איין.
ווער נאָכן געוויכער ליכטיק זיין?

אַ בליצן־שווערד האָט מיין הויז פאַרלענדט —
און אין האַרץ מיר וואונדן אויסגעברענט.

מיין מידע וויַע איז קראַנק און זי בריט,
און מיט טרויער־פּיין איז פול מיין געמיט.

צעלייטער די הימלען, וואָס איבער מיר —
איך זאָל זען די בלוי, וואָס פאַר דיין טיר.

איך זאָל גרייטן ברויט מיט ליד צום טיש,
אָן פחד און אָן ציטערניש.

## צו־פוסנס אַ וואַלד

פון מיטן אַ פעלדז, וואָס צו פוסנס אַ וואַלד,
באַווייזט זיך אַ ריטשקעלע, שטיל און צעשטראַלט.

אַ שנירל קרישטאָל צווישן ליפּן פון שטיין —
פון צווישן פאַרפּרעסטע שטיינערנע ציין.

דאָס ריטשקעלע קומט פון אַ הייל אין דער ערד
און סודעט זיך עפּעס, נאָר קוים וואָס מע הערט.

פאַראַן אַ קרישטאָל־גיסעריי ערגעץ דאָרט,
אין לייב פון דער ערד, אין אַ טיף־שטילן אָרט.

פון דאָרט, פון דער טיפעניש, שלענגלט זיך שמאָל
די לענטע פון ליכטיק־צעלאָזטן קרישטאָל.

קאָוואַלטשיקלעך אַרבעטן דאָרט אין געאייל
מיט האַמער און פייער און בלאָזאַק און פייל —

כדי דער קרישטאָל זאָל אַרויס אויף דער פריי
געטאָקט און געשליפן און שפיגלדיק־ניי.

דאָס ריטשקעלע שטאַמלט, מע מיינט: אָן אַ מיין —
נאָר עפּעס מיך ציט שוין נישט ווייטער צו גיין.

איך טוליע דעם אויער צום גראָזיקן ברעג,
און זוך — כאָטש אַ וואָרט, כאָטש אַ זוּאונק
פון אַנטפּלעק:

— דו קומסט פון אַ הייל און פאַרגייסט
ערגעץ העט,
און בלויז אויף אַ וויילע אין אַ טאָל, אין אַ בעט —

אַהין, וואו דאָס וואַסער איז טיף ווי אַ תהום
און זאַפּט אין זיך אַלץ ווי אַן אייביקער שוואָם,

אַהין, וואו סע טוקט זיך און וואו סע פאַרשווינדט
אפילו דאָס ריטשקעלע מינדסטע, וואָס רינט . . .

איך אָטעם אַזש קוים, איך זאָל אפשר פאַרשטיין
דאָס קוימיקע שטאַמלעניש, דורכזיכטיק־ריין.

נאָר כ׳הער בלויז אין ריטשקעלעס שטאַמל־גערייד,
אַז אַלצדינג פאַרגייט און פאַרגייט . . .

איז זאָג זשע מיר, ריטשקעלע, דינער קרישטאָל:
צי וועט אויך מיין ווייטיק פאַרגיין ווען־ אַמאָל? . . .

## אויף מיין פידעלע ליד

הערצלען — אַ מתּנה

איך באַוועג מיך פּאַוואָליע; די וועלט איז שיין,
און ליבשאַפט איז דאָ, מיר אַקעגנצוגיין
און זיך צו אַנטפּלעקן איידל־ריין
אין די שעהן פון מיין פאַרשעמט געוויין.

איך ווייס, דער טויט האַלט די אָרעמס צעשפּרייט
נאָך אונדז — נישט ווייט פונעם אָרט, וואו ער שטייט.
און איך ווייס, ס׳איז פול מיט אייביקייט
אַיעדע רגע, וואָס בליט און פאַרגייט.

און איך ווייס, אַז אַלץ איז ליגן און וואָר.
מיין גאַנצע חכמה הענגט אויף אַ האָר.
נאָר דאָס מינדסטע זעמדעלע ציט צו זיין פּאָר
און ציטערט מיט בענקשאַפט דין און קלאָר.

און כ׳האָב ליב זיך פאַרגיין אויף מיין פידעלע ליד.
די קלאַנגען שלענגלען זיך טראָפּנווייז, מיד.
אָבער, גאָט, וואָס שרעקט מיך אַזוי און וואָס בריט
אַ ליאַדע ווינטל, וואָס פּעכלט און פליט? . . .

איך בין איינער פון טויזנט אָרעמעלייט,
וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון ווייט.
איך ווייס נישט, וואָס מיין פּיין באַטייט,
כאָטש שטענדיק פיל איך גאָט ביי מיין זייט . . .

# דער טאַטע שרייבט אַ בריוו...

דער טאַטע איז מעיין אין אַ ספר.
ער מאַכט עס צו, פאַרקוקט זיך אין דער ווייט —
ער דאַרף נאָך היינט אַ בריוו די קינדער שרייבן —
און לייגט אַוועק דאָס ספר אין אַ זייט.

ער נעמט אַרויס דעם טינטער פונעם שופלאָד,
די פען רירט אָן דאָס בייגעלע פאַפיר. —
ווי יעקב וואָלט ער איצט באַדאַרפן זאָגן:
הֵאָספו, קינדער — הערט זיך צו צו מיר . . .

ער שרייבט דעם בריוו צו אַלעמען אין איינעם.
זיין כתב איז דריבנינקע און פערלדיק.
כולנו זיינען מיר בקוו־הבריאות —
איך האָף דאָס אייגענע פון אייך צוריק.

די מאַמע, נו, אַ מאַמע בענקט דאָך מערער.
זי לאָזט אַ טרער, קען זיין זי וויינט בסוד.
מה אנוש, אָבער קען א מענטש באַנעמען
די דרכים, די פאַרבאָרגענע, פון גאָט?

אַ מאָל געשעט: אַ מענטשן טרעפט אַ צרה:
ער מיינט באַלד: אוי, גאָטס שטראָפנדיקע רוט.
לסוף גאָר ליגט דערין פאַרגרייט אַ טובה —
די רעה איז נישט שלעכט, זי איז גאָר גוט . . .

אָט זענט איר איינציקווייז אַוועקגעפלויגן
מארצכם, מבית־אביכם — נו,
צי טרעפט חלילה עפעס אָן גאָטס רצון?
איך זאָג דערפאַר: כי טוב און ברוך הוא.

פורעניותן באַרינגלען אונדז און גזרות,
איך גאָט נאָר ווייסט, וואָס מאָרגן קען נאָך זיין.
ס'איז גוט, וואָס איר זענט איצטער ווייט פון דאַנען —
דאָס לינדערט אונדז אַ ביסעלע די פיין . . .

דער טאַטע טונקט באַזאַכט די פען אין טינטער
און פערלט אַלץ מיט דריבנינקן געשריפטס.
ער רוט זיך אָפּ, פאַרבייסט די ליפּ, פאַרטראַכט זיך . . .
ער פילט אַ קלעם אין האַרץ און גיט אַ זיפץ.

ביים סוף פון בריוו — אַ שטיקעלע הלצה:
לבני יקירי משה, ליבער זון, —
וואָס טוען דיינע שירות ותשבחות —
צי לערנען מענטשן עפּעס פון דערפון ? . . .

דער טאַטע שרייבט אַ שורה נאָך אַ שורה,
דאָס בייגעלע פּאַפּיר איז פול שוין באַלד.
ער שרייבט זיך אונטער און באַהאַלט דעם טינטער —
און באַלד פאַרלעשט זיך מיר זיין ליב געשטאַלט . . .

## סליחות-צייט אין מיטן שטאָט

פאַר נאַכט.
איך גיי גאַס־אויס־גאַס־איין,
אין הוריות פאַרטראַכט.
אַרום איז ניכטער אויפגעגאַן די נעאָן־שיין.

שוין שיטערער דער מענטשן־טייך,
פון היבטערהויפן
פאַכעט און טאַלעפּעט זיך צעהאַנגען גרעט —
דאָס אָונט־ווינטל טיילט־פאַנאַנדער: פּיס און הענט
און בייך.
פון ווייטנס הערט מען די טראַמוואַיען שטילער לויפן —
שפּעט.

אַ שלעפּער קומט צו גיין,
ער שלענדערט זיך און ווייסט נישט וואו־אַהין,
ער קייעט מיט אַ מויל אָן ציין
אַ זשמעניע קיי־טוטין.

און אָט — אַן אוליצע, סע פּאָרן זיך צוויי הינט,
און קינדער גייען צו און וואַרפן אויף זיי שטיינער.
נאָר דאָס הינט־פּאָר — טויב און בלינד.
אַ גויע קומט אַרויס, אַ גראָבע און אַ קליינע,
און — אַ כליאַפּ אַן עמער וואַסער
אויף דער כרכישער אידיליע, —
ווערט אין איין מינוט די סומאַטאָכע שטילער
און דאָס לעצטע שטיק צעפּלאָמטער הימל — בלאַסער.

כ׳גיי גאַס־אויס־גאַס־איין אין הוריות פאַרטראַכט.
ס׳איז שפּעט פאַר נאַכט.
אַ טויער ערגעץ עפנט זיך מיט אַ געקריי.

אַ שפּאָן לבנה הענגט ווי אויף אַ דינעם שטריק,
צעווישן הויכע פּענצטער צוויי.
דער שלעפּער איז שוין דאָ צוריק,
— צי אפשר גיי איך אים גאָר נאָך און ווייס עס ניט? —
ער שאַרט אין מיסט מיט זיינע מידע טריט.

נאָר דאָ האָט וואו־נישט־וואו פאַרבייגעיאָגט אַ קינד
און מיט זיין פייפעלע דערלאַנגט אַ פייף, אַ דינעם — —
הייבט מיך אויף דער פייף און נעמט מיך טראָגן.
דער הו־הא אַרום פאַרשווינדט —
אַ ייִנגעלע אין מיר נעמט שטאַמלען,
נעמט מיך נאָגן —
און פאַרלויפט פאַרויס, מיין שטעטעלע געפינען — — —
גאָר נישט קען מיר שוין מיין דמיון נישט פאַרצאַמען —
ער איז איצט אַ טויב, אַ ווייסע,
מיט צעשפרייטע ליכטיק־בלויע פליגל —
זי פאַרשלייפט אַרום מיין קאָפּ אַ ווייטן עיגול,
און פאַרוויגט מיך אין אַ דינקייט
און אין שאָרכן־רינגען,
וואָס דער שטאָט־געטומל קען זיי נישט צערייסן . . .

. . . נאָך האַלב־נאַכט שוין.
נאָר וואָס האָט דער שמש אויפגעוועקט צו סליחות,
מיט אַ קלאַפּ אין לאָדן, אין פאַרמאַכטן.
אָט־אָ בין איך שוין אין דרויסן מיטן טאַטן,
אין דער פינצטער —
אָן אַ פלעמעלע, אַ מינדסטן.
ערגעץ, ווי געוויקלטע אין שוואַרצע טיכער,
וויינען פיצלעך קינדער,
בלינדע.
חושך — אַז מע זעט די האַנט נישט פאַר די אויגן.
טריט נאָר, הערט מען, טאָפּטשען־מיט פון אַלע זייטן.
ערגעץ האַווקען הינט פון ווייטנס,
איינציקווייז און אויסגעצויגן.

ווייטע הענער לאָזן זיך שוין הערן,
איינער און אַ צווייטער.
די געדיכטע פינצטער שרעקט מיך, נעמט מיר ווײ־טון,
אונטער מיינע טריטלעך גרינגע
טרישטשען שייבלעך פראָסט אין פרירנדיקער בלאָטע.
כ׳האַלט דעם טאַטנס האַנט אין מיינע פינגער
און איך טוליע מיך צו זיין קאַפּאָטע.

כ׳האַלט דעם טאַטנס האַנט,
און טאַפּטשע־נאָך אַ בלינדער.
און דער טאַטע שפּאַנט און שפּאַנט
און נאָר מיר דאַכט:
ער שפּאַנט אַזוי פון אייביק ביז אַצינדערט — — —
אָבער ווײ־מיר!
ווער האָט אַזאַ פינצטער אויסגעטראַכט,
אַזאַ געדיכטעניש, אַן אימה? . . .
„טאַטע, אָט־אָ שטאַרב איך דאָך פון פּחד —
טוליע מיך צו זיך און קלעם מיך.״
איך פאַרזינק אין טיפענישן טויבע.
בלויז דעם טאַטנס פוס־טריט הער איך וואַכן
איבער מיר, פון ווייט, פון אויבן,
און זיין שפּאַנען וויל זיך נישט דערנעמען — — —

---

נאַכט. איך שטיי אין מיטן שטאָט.
די לעקטרע־לאָמפּן ברענען, בלענדן,
נעמען מיך אַריין ווי אין אַ ראָד.
אַ פּחד מאַטערט מיך: — כ׳על דיך פאַרלענדן.
מיר איז פינצטערער ווי יענע נאַכט, ווי דעמאָלט —
אָבער יענע פינצטער לייכט אין מיר און פלעמלט . . .

# אַ סגול שטערן

עמעץ איז צו מיר אין שלאָף געקומען
און מיר קיל געגלעט די הייסע שלייף.
ס׳האָט צו מיר גענענט אַ ווייסע רייף
און מיך מאַמעדיק אַרומגענומען.

כ׳האָב איך צאַפלעניש די רייף, וואָס טליעט,
אָנגעכאַפּט מיט בעטנדיקע הענט —
נאָר כ׳האָב איינגעלייגט דעם חלומס ווענט —
און מיט ציטער אויפגעמאַכט די וויעס.

זע איך אין דער שויב א סגול שטערן,
און אין שטוב גייט־אויס אַ פינטלעניש.
עמעץ האָט דעם שלאָף אַראָפּגעווישט
פון מיין פּנים, אָבער נישט די טרערן.

איר האָט נאָר־וואָס אין מיין שלאָף געפּערלט
און אין חלום מיר אַריינגעטאָגט;
כ׳האָב אייך אמתדיק אַמאָל פאַרמאָגט,
דריי פאַרגייענדיקע, בלויע שטערן.

שטערן דריי, דאָס זענט איר דאָך מיין מאַמעס —
יאָ, די אויגן אירע און איר מויל!
איך האָב זיי פאַרביטן, אין מיין גרויל,
אויף דער חכמהניש פון נאָסטראַדאַמ׳ען.

אָט־אַזוי, פאַרהוילן, קומט זי סאַמע
אין מיין חלום ווען־אַמאָל צו גיין,
פון איר קבר, ערגעץ אָן אַ שטיין,
פון אַריבער ווייטע, טיפע ימען.

זאָם זיך, קום היינט שפּעטער, מאָרגן בלויער,
מערער צירקלען אין די הייכן שפּרייט.
לאָז די גוטע חלום־ליכטיקייט
און די שטערן דריי — ביי מיר אין טרויער.

לעש נישט, טאָג, דאָס ליכט פון אירע אויגן,
וואָס איך האָב דערפון נאָר־בלויז אַ שטראַל.
לאָז מיך צו איר מויל, ווי צו אַ קוואַל,
ליגן אַ פאַרגלייבטער צוגעבויגן . . .

## צון אַ שכנותדיקן עפּלבוים

לח. נ.

ווי שיין דו ביסט עס, עפּלבוים באַוואַקסענער —
ווי אָפּגעטאָקט דו שטייסט און צוויטעסט אין
מיין שכנות!
איך בין שוין אויסגעוועזן אַ האַלבע וועלט,
צי מער,
נאָר עפּלביימער נישט געזען אַזעלכע שיינע.

די ערד אַרום מיין הויז איז סאַמע ברוק
און שטיין —
איז גוט דיך אָנצוקוקן, נאָך דיין שאָטן שמאַכטן.
אַ ציטער פון די בלעטער — און איך דאַרף
נישט מיין,
איך זאָל צו מיר אין נחלה דיך אַריבערטראַכטן.

איך שפּיגל מיך אין דיין געפּאַלבטן
בלעטער־קלייד.
איך נעם אין גאַנצן דיך אַרום אין דער השגה —
אין ווינטלעך וואַרעמע דערגייט צו מיר אַ פריידי
אַזאַ, וואָס ס׳איז מיט ווערטער נאָריש צו
דערזאָגן . . .

# סע טרעפט

סע טרעפט,
איך פיל בחוש: איך בין צונויפגעהעפט,
צונויפגעמישט,
פון צוויי —
איך, און נאָך עמיצער אין מיר,
וואָס ער איז אויכעט איך,
נאָר איך קען אים עפּעס נישט,
און מײַנע פּײַנען טוען אים נישט וויי.
סע טרעפט, ער גיט אין מיר אַזאַ געשריי —
אַזוי באַנומען,
בלינד און טויב און שטום, —
אַז כ׳קוק זיך אום,
צו זיך צו קומען . . .
נאָר יענער עמיצער פאַרקריכט צוריק אַרײַן
און פאַרקנוילט זיך
אין אַלע פיר,
ווי נאָך איידער מ׳איז געבוירן,
און שוועבט אַוועק —
און פאַרהוילט זיך
ערגעץ טיף הינטער אַ פלויט,
און ווערט דאָרט ווי פאַרלוירן . . .

און אין מיר רודערט אַ פינצטערע שרעק
און אַנגסטן ציקען מיר אונטער דער הויט.

# ווי אַ טאָליק טייכעלע

ווי אַ טאָליק טייכעלע
ווער, מיין פיין, אַנטדרימלט.
וואָס איז אין אַן אוראַגאַן
וואָלקן־פּוד אין הימל?

שפּילסט אַזוי ווי אַלטער וויין
טיף אין מיינע גלידער,
און דו וויגסט זיך ווערבעדיק
אין מיין גאָרטן לידער.

טוליע איך דערפּאַר דעם קאָפּ
אין דער חלום־נאָרע,
און די בענקעניש אַליין
איז מיין היים געוואָרן.

נאָכן אָוונט קומט די נאַכט,
און די שאָטנס שרעקן.
גוט, וואָס די דערמאָנעניש
נעמט זיך אין מיר וועקן.

ווייטע פידלען ציטערן,
אויסגעטראַכטע, בלויע.
אַלץ וואָס כ׳האָב אַ מאָל פאַרמאָגט,
לעבט אין מיר און טרויערט . . .

וואָס דער ווינט צעלאָמעט מיר,
בוי איך אָפּ אין רעיון.
ווי אַ טאָליק טייכעלע
ווער, מיין פיין, פאַרטאַיעט.

# זי גרייכט מיר ביז צום אַקסל

זי גרייכט מיר ביז צום אַקסל,
די חברטע, די פרוי.
מיר האַלט זיך אַלץ אין דאַכטן:
סע דאַרף גאָר זיין אַזוי.

מיין ליפּ באַרירט איר שטערן,
איך גיב זיך בלויז אַ נויג —
באַלד קען מען שטיל דערהערן,
ווי ס׳רעדט דאָס האַרץ צום אויג.

קיין ווערטער דאַרף מען דאָ נישט.
דער ליבעס שפּראַך איז שטום.
די הענט נאָר בעטן, מאָנען,
און נעמען זיך אַרום.

מע שעפּטשעט, קוים צו הערן,
אַ וואָרט, אַ שטיל־צעבלויטס —
נעמט צווישן אונדז נישט־ווערן
דער מינדסטער צוים און פּלויט.

און אין געביין נעמט בענקען
און גליען ווי אַ שפּאָן —
גאָטס אָטעם, אַ געשענקטער
נאָך פון בראשית אָן . . .

## כ׳האָב אַראָפּגעקוקט פון אַ הויכער בריק

כ׳האָב אַראָפּגעקוקט פון אַ הויכער בריק
אויף כוואַליעס, וואָס גייען און קומען נישט קריק.

פון איבער מיין קאָפּ האָט די זון געבלענדט,
און די כוואַליעס — ווי מענטשלעך לייב און לענד.

כ׳האָב געזען פון דער ווייט, ווי אַז כוואַליעס צוויי
באַגעגענען זיך — שטאַרבן זיי.

כ׳האָב געזען, אַז מסתמא מוז אַזוי זיין, —
מע האַלדזט זיך שטום — און מע שלינגט זיך איין.

און פוןביידע כוואַליעס איינע ווערט,
און דער איינער כוואַליע וואָס איז באַשערט?

זי שפּילט מיט אירע ליסקעס און בלענדט —
און פאַרוואַרפט אויף אַ צווייטער די ליכטיקע הענט.

און מע האַלדזט זיך מיט פרייד און מיט שטום געוויין
ווייל מע שטאַרבט, אַז מע ווערט אויף אַ רגע איינס.

נאָר אין שטאַרבן ווערט מען געבוירן צוריק —
און די פרייד איז אי פריידיק, אי אומעטיק . . .

## צו-קאָפּנס מיין יינגעלעס בעטל

כ׳האָב אָנגעקלאַפּט אַ שקעטל
צו-קאָפּנס מיין יינגעלעס בעטל.
אין שקעטל ליגן קמיעות צוויי,
און לויטער גוטס איז געשריבן אין זיי.

פון וואַנען קמיעות דיביידע?
אַ ירושה פון עלטער־זיידעס.
מ׳איז געפאָרן נאָך זיי קיין טערקיי דורך ווין —
שוין הונדערטער יאָרן דאָ דערין.

נאָר ווער די קמיעות געשריבן, —
ביז היינט אַ סוד געבליבן.
מע זאָגט, דער אר״י הקדוש גאָר.
פאַראַן אַ מסורה, נאָר גאָרנישט קלאָר:

געקומען צו פליען אַ פויגל
דעם אר״י פאַר די ליכטיקע אויגן —
און געזאָגט עפּעס־וואָס אויף תרגום־שפּראַך,
וואָס דערפון האָט דער צדיק זיך טיף פאַרטראַכט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און פאַרדומעט,
און די גענדזענע פען גענומען,
און עפּעס געכתיבהט, מיט גאָליש־טינט,
און געזאָגט דעם פויגל: „פלי ווי אַ ווינט —״

און דער ווינט, געשפּאַנט צו אַ וואָגן,
האָט געברענגט די קמיעות צו טראָגן —
פון דער הייליקער צפת קיין קושטאַנטין,
פון ארץ־ישראל גלייך אַהין.

האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אַ ידיעה,
דורך די פייגל, וואָס קומען צו פליען —
אַז אַהין און אַהין, קיין טערקן־לאַנד,
האָט קמיעות געשיקט אַ הייליקע האַנט.

זענען עלטער־זיידעס געפאָרן,
שוין דאָ דערין הונדערטער יאָרן —
אַהין, וואו די נאַכט איז לבנהדיק,
און געקומען מיטביידע קמיעות צוריק.

און זיי גייען בירושה זינט דעמאָלט,
אין שקעטל איינגערעמלט,
און מע טאָר זיי נישט עפענען לייענען — ניין,
דער כוח־הברכה קען נאָך פאַרגיין.

נאָר דערין האָט געכתיבהט, געשריבן,
און אותיעלעך איבערגעקליבן,
אַ הייליקער סופר אין הייליקן לאַנד,
אַז קיין בייז זאָל דאָ קיין מאָל נישט האָבן קיין האַנט.

## אויפן טויט פון אַ צוויי־יעריק מיידעלע

ווי מיר,
וויפל שטערן־בילדער שוועבן איינס אַרום דעם צווייטן,
הענגען ווי אויף דימיונדיקע קייטן;
וויפל זון־סיסטעמען
דרייען זיך אין אייביקע אין־סופן,
מאָלן אייביק אייביקייטן —
און קיין אַנהויב האָט דאָ נישט געטראָפן,
און ס׳וועט אויך קיין סוף נישט נעמען — — —

ווּיפל גליאיקע מזלות־כוואַליעס,
ווּיפל מילעך־וועגן
פלייצן זיך אַקעגן,
דרייען אייביקע גלגלים — — — —

ווּיפל זאַמדן־זייגערס, וואו די זאַמדן זייַנען שטערן,
וועלטן,
וויגן זיך און שפּילן,
אין די רחבותן צעשטעלטע — — — —

איך, דער מענטש, קען גאָרנישט נישט דערהערן,
סיידנס אפשר עפּעס קוים דערפילן.
דאָס באַשאַף־געוועדק איז אייַנגעשלייערט,
בלויז אַ שטויבל־שאָטן אויף אַ ציפער־בלאַט, דאָס זע איך,
האַלט זיך אין אין דרייען . . .
כ׳האָב אפילו אַ מאַשינדל אויסגעפונען,
וואָס צעשטיקעוועט אויף צענטלעך די סעקונדע,
איידער זי פאַרשווינדט און ווערט צערונען.

אַכציק פעלדזן־טורעמס,
טויבע, בלינדע,
חתמענען דיין סוד,
אָ, גאָט —
איך האָב קיין איינעם נאָך נישט אייַנגעשטורעמט
ביז אַצינדער.

אָבער קענען דייַנע שטערן־וועלטן זיך נישט כוואַליען,
דייַנע שטראַלנדיקע אייביקייטן, —
סיידנס נאָר דו מוזסט אַ קינד דאָס נפשל צעוואַליען
און עס טייטן ? . . .

# אַ הימל מיט שטערן

פאַר וועמען צירט אַזוי זיך
די מיטן־פרילינג־נאַכט?
פאַר וועמענען אַנטפּלעקט זי
איר גאַנצע שטערן־פּראַכט?

ווי זילבער־עפּל הענגען
די שטערן אינעם רוים.
מע קען אַזש באַלד דערלאַנגען
דעם שיינעם הימל־בוים.

און הענגלעך שטערן־טרויבן,
צעהאָנגען ווי׳ן אַ סכך —
כאָטש שטרעק די הענט מיט ציטער
און הויך אַ ברכה מאַך.

און ביז דאָס אויג קען גרייכן
איז פינקלדיקער מאָן.
און די לבנה־כלה
אין ווייסן אָנגעטאָן.

זי שוועבט ווי אין אַ חלום,
און סוויטעס גייען־מיט
און טראָגן נאָך איר שלייער.
און בלאָזן איר די טריט.

און ס'גייט איר נאָך אַ פערדל,
דאָס ציימל — עמעראַלד.
די לייץ — באַזעצט מיט דימענט,
און די פּאָדקאָווע שטראַלט.

און אויסגעשניצט דער זאָטל
פון ליכטיקן בורשטין,
וואָס לייכט פון אינעווייניק
און פינטלט בלוי מיט גרין.

די כלה קען זיך מידן
אין איר געטאָקטן שפּאַן —
איז באַלד די לייץ, דער זאָטל,
דאָס פערדל באַלד פאַראַן.

אַזאַ מין וואַזשנע גרייטנס
איז, דאַכט, נאָך נישט געווען.
אַ ווייטער וואַזשנער חתן
דאַרף ווען די כלה זען.

די כלה שוועבט און וואַנדערט
און האָט אַ וויטן וועג —
זי וואַנדערט דורך די נעכט נאַר,
און רוט וואו דורך די טעג.

און אַז זי גרייכט דעם חתן —
איז אָפּגערעדט אַ וואָרט:
זאָל דעמאָלט זיין די חופּה,
און דאָרטן אויפן אָרט.

# אַ חזן אַ „דײַטש"

דר. מרדכי שעכטער —
מיט נאָענטשאפט

אַ מאָל איז געווען אַ ן חזן אַ „דײַטש",
— געקומען פון ווין מסתמא —
האָט ער געשפּראָכן דײַטשמעריש
נאָך אַזש אין בויך ביי דער מאַמען.

דעם ראש־הקהל האָט גאָרנישט געאַרט,
און אויך נישט דעם אָבער־ראַבינער.
פאַרקערט, זיי פלעגן זיך גרויסן מיט אים:
אַן עכטער, אמתער ווינער!

געהאַט אַ שייִנע קאָלאָראַטור
און אַן אויסגעאַרבעט טענאָרל.
אַ מאָל געזונגען, וויסן זי,
אין די ווינער אָפערע־כאָרן.

„די ווינער אָפער! — יאָ, נון יאָ,
וואָס טויגן שוין די רייד דאָ?
אַן אָפער־אַריע, אַך, מיין פריינד,
איז נישט קיין סקאַרבאָווע דריידל.

די מוזיק ביי איך — אַך, לאַסן זי!
מע קרעכצלט און מע צימבלט.
מע גייט אַ האָפּקע אין האַצעפּלאַץ,
און דער עולם פּלעסקעט: בים־באַם!"

איז טרעפט זיך אָפט: דער עולם זאָגט,
און מע טייטלט זיך צו מיט אַ פינגער, —
צעשפּרייט דער חזן די פליגעלעך
און פּאַרפליט אויף אַ מאָל קיין ווין גאָר —

און ברענגט פון דאָרט אַ מינועט,
צי אַנדערע קונצן, ווייס־איך —
און בראָקט עס גלייך אין אַ תפילה אַריין,
אין „ובכן", צי אין „אתה נגלית".

און אַזוי איז ער איין מאָל אַוועק קיין ווין
יום־הקדוש, ביים סאַמע „המלך" —
און אָפּגעטאָן — מ׳האָט אַזוי גערעדט —
במחשבה עפּעס פריילעכס.

אַהער — אַהין, אין אַ שיינעם טאָג —
איננו, נישטאָ דער פויגל.
מסתמא אַוועק אַהין־צו־צו,
וואו־אַהין ס׳האָט אים תמיד געצויגן.

אַ צייט אַרום איז געווען אַ גרוס,
דורך אַ מענטש, וואָס זאָגט נישט קיין ליגן,
אַז עמעצער האָט אים געזען אין ווין
אין אַ צירק, אויף אַ שטריק זיך וויגן.

ער איז דאָרט געוואָרן, האָט יענער דערציילט,
אַ וואַזשנע שטריקן־גייער:
„אפילו דער קאַיזער פראַנץ־יאָזעף אַליין
באַוואונדערט אים דאָרט זייער".

## הינטערן פענצטער

הינטערן פענצטער וואָיעט אַ ווינט,
ער רייסט מיך אַרויס פון מיין מידן דרימל,
ווייט פאַרגייט זיך אַ שיף, ווי אַ קינד —
איר געיאָמער שפּאַלט דעם פאַרכמאַרעטן הימל.

כמארעס שטויסן זיך ווילד אין די קעפּ,
לעהיי איבערערדישע דולע בוהאַיעס.
בוך! — און ס'ע קנאַקן די כמארעס ווי טעפּ —
און דעם הימל צעפּאַלמעסן מעסערס פייער.

פול זיינען מיינע איילן פיר
מיט דונער־געהילך און בליץ־געבלענדן.
עמעץ טשמעליעט אין מיין טיר.
דער פחד וועט מיך באַלד פאַרלענדן.

שיף, וואָס טו איך מיט דיין געשריי? —
דערציטערסט מיך ביז די סאַמע טיפן.
וויי, ווי דיין יאָמערן טוט מיר וויי,
נאָר ווייס איך דען, ווי מען ראַטעוועט שיפן?

בלויז זיך צעביילן דעם קאָפּ אין די ווענט —
כ'האָב מער אין אַנגסטן נישט באַוויזן.
כ'וואָלט מיט די אייגענע וואונדיקע הענט
דעם פאַרכמאַרעטן הימל אויף צווייען צעריסן.

כ'וואָלט געשפּאָלטן הייך נאָך הייך
אין די ווייטע, רוימיקע תהומען־טיפן —
ביז איך וואָלט צו גאָט דערגרייכט:
„אוי, קום און העלף מיר ראַטעווען שיפן! . . .

אַלע שטערן פֿאַרלאָשן שוין,
און נאָר דער חושך איז אָנגעצונדן.
זאָג מיר, גאָט, אין דיין ליכטיקער קרוין,
אויף וועו דו וואַרטסט צו באַווייזן וואונדער . . .

מער וואָלט איך גאָרנישט צו גאָט גערעדט.
דאָס האַרץ איז קראַנק. מיר פֿעלט דער אָטעם.
רגעס ציקען. ס׳איז העט־העט.
מיין ליכטל צאַנקט אין קלעם פֿון שאָטנס.

הינטערן פֿענצטער וואָיעט אַ ווינט
און אַ יאָמער־געשריי פֿון ווייטע שיפֿן.
וואָלט איך כאָטש וויינען געקענט ווי אַ קינד —
נאָר דער פּחד פֿרירט אין מיר ביז אין די טיפֿן.

## די נויט

די נויט האָט פֿאַרגלעזערטע אויגן
און איבערגעהייטלטעביינער.
זי גייט אין דרייען געבויגן —
אַ הונדערטיעריקע זקנה.

אין טויטע פֿינגער האַלט זי,
אַזוי ווי אַ קוליע, אַ שטעקן.
איר בינטל ביינער אַלטע
טאַלעפּעט זיך ווי אין אַ פּעקל.

זי טראָגט אויפֿן שאַרבן אַ שמאַטע,
אין לויטער ריסן און פֿליקן —
און לאָמעט אַרום אַ האַרבאַטע
און זוכט מיט פֿאַרלאָשענע בליקן.

די האָריקע גאָמבע ציטערט —
עפּעס וואָרטשעט זי, עמעצן שעלט זי.
ערגעץ טייטלט זי מיט אַ ריטל
און קוים אירע טריטעלעך שטעלט זי.

נאָר לאַנג און דאַר איז דער גאָרגל,
און אָן אַ דנאָ דער בויך איז.
זי וואָלט נאָר אַלץ דערוואָרגן —
דאָ סטאַיען איר די כּוחות.

זי וואָלט מיט אירע פֿינגער
געכאַפּט נאָר און געריסן —
ווייל וואָס זי זאָל נישט שלינגען,
אַלץ מערער זשעדנע איז זי.

די פֿערד דערזעען זי הינקען —
און פֿאַרלירן די קעפּ, די מידע.
די פֿייגל פֿאַרשווינדן, פֿאַרזינקען
אין מיטן געמאַטערטע לידער.

די ערד מיט צעלעכצטע ליפּן —
זי קען שוין באַלד נישט סאָפּען.
זי ליגט מיט בראַנד אין די ריפּן
און אַ כאַטע־חורבה צו קאָפּנס.

## אַזוי ווי

אַזוי ווי סע וויינט אַ פּאַרסאָפּעטער הונט,
אין אַן אָסיען־נאַכט, אין אַ ווינטן־געבריל,
ווען מע יאָגט אים נאָך, אַ וואונד אויף אַ וואונד, —
אַזוי זוויינט דאָס האַרץ אין מיר, אין דער שטיל.

איך טוליע אין בוזעם אַ קעצל, אַ בלינדס,
און איך וויין דערויף די נשמה אויס —
ווייל אַלץ, אוי, אַלץ איז פאַנטאַזיע־געשפּינץ,
און די איינציקע וואָר איז דאָס קעצל בלויז.

כ'האָב געפונען דאָס קעצל — איך ווייס נישט וואו.
אַ פויגל אין מיר האָט אַ ליד געשפּילט.
נאָר באַלד האָט אויסגעצאַנקט מיין רו.
אַ טעמנע פּיין האָט מיך איינגעשטילט.

פון דעמאָלט בלאָנקע איך זייטיק און שטיל.
דאָס קעצל שניידט מיך מיט אַלע פיר.
וואָס ווייסט דער כרך מיט זיין געביל
פונעם בלינדן קעצל אין בוזעם ביי מיר? . . .

## אוי, דו נאַריש ביסל משקה

אוי, דו נאַריש ביסל משקה —
וויפל חכמה אין דיר שטעקט!
דאַכט זיך מיר, אַז אָן דיין חכמה
וואָלט איך מיך שוין לאַנג געעקט.

וואָרן, ווער זאָל דאָס באַנעמען?
אַז די צרות טרעטן צו —
טרינקט מען אויס אַ ביסל משקה,
קומט די רו פון ערגעץ וואו.

ביסלעכווייז, אין טראָפּנס קומט זי
טיף אין האַרצן — און איך הער:
עמעץ קושט מיך דאָרט און טרייסט מיך,
עמעץ ווישט מיר אָפּ אַ טרער.

צרות בין איך דאָך נישט זשעדנע —
נאָר איך זאָג עס קיינעם ניט.
בלויז אַ נאַריש ביסל משקה
וויינט מיט מיר און פילט מיך מיט.

## איך, אַלטער מלמד

איך, אַלטער מלמד,
איך קנעל און איך קנעל,
פון שוועל און צו שוועל.
און שפּאַן מיטן שטעקן

דאָס טייטל, דאָס סידור —
די כלים, וואָס כ'האָב,
אַחוץ די מחשבות,
וואָס זשומען אין קאָפּ.

איך ווייז די קונדסים
אַן אלף, אַ בית, —
זיי פעלט אָבער חשק,
איך וויש אַזש דעם שווייס.

איך ווייז זיי אַ גימל,
אַ דלת, אַ הא,
נאָר פייגעלעך, וואָלקנס —
דאָס חלומט זיך זיי.

איך ווייז זיי די אותיות
וו, זין און חית —
נאָר זיי ליגט אין זינען
אַ גאָרטן מיט בעז.

איך לערן נישט מערער
ווי טית, יוד און כּף —
נאָר מיינע קונדסים
נעמט מידן דער שלאָף.

זיי זעען די למד,
די מם און די נון —
נאָר זיי ווילט זיך וואָיוועץ
אין גאַס, אויף דער זון.

איך לערן אַ סמך,
אַן עין, א פּא —
נאָר זיי זעען ביימלעך
אויף פעלדער מיט שניי.

איך לערן אַ צדיק,
אַ קוף און אַ ריש.
דאָס סידורל שמייכלט
מיט אַלטלעכן לייש . . .

איך צי מיטן טייטל —
אַ ליכטיקער שטראַל
טונקט איידל די אותיות
אין ליכט, ווי׳ן אַ קוואַל . . .

די שין מיט דריי קעפּלעך,
די תו — און אַן עק!
אַ פרייד, אַ גדולה! —
די שעה איז אַוועק . . .

איך לערן כסדר —
אַן אות און אַ קלאַנג.
אוי, קינדערלעך, שלאָפט נישט,
נאָר זאָגט מיט געזאַנג.

אַזוי ווי מיר זינגען,
איר דאַרפט עס פאַרשטיין —
האָט אויכעט געזונגען
אברהם אַליין.

אברהם אָבינו —
מע זעט אים דאָ ניט,
נאָר גלייבט מיר: ער זיצט דאָ
און זינגט מיט אונדז מיט . . .

## אַ וויספּע גיב מיר

וואָס קומט אַרויס, וואָס דרינגט פון מיינע לידער?
דער דונער יאָגט דעם בליץ און יאָגט נישט אָן.
אַ וויכער קאַטעוועט מיך, רייסט די גלידער,
און ווייטיק סמט מיך ווי אַ שאַרפער שפּאָן.

ער פּלאָנטערט מיך אין פיבערדיקע נעצן —
איך קלעפּער־אויס אַ ליד מיט גראַם און טראַפּ . . .
גיב כוח, צו צעהאַקן מיינע געצן,
און שפּליטערן דעם פאַלשן נביאס קאָפּ.

איך האָב שוין דורכגעוואָגלט דריי גילגולים,
און אַלץ נאָך נישט דערגרייכט וואָס כ׳האָב געוואָלט.
דער לאָגל פון מיין האַרץ איז אַלץ אַ פולער
מיט בענקעניש נאָך טייערערס פון גאָלד.

ס׳איז עפּעס, וואָס ס׳איז טייערער פון פּערל.
מע קען עס גאָר נישט מעסטן אויף אַ וואָג.
כאָטש נאָך איין גילגול ווען ס׳זאָל מיר באַשערט זיין —
פון זיבן צענדליק יאָרן מיט אַ טאָג.

און איך זאָל יענע זיבן צענדליק יאָרן
נישט וויסן פון קיין מינדסטער גוטסעריי.
איך וויל נאָר דעם שפּאַקטיוו פון מיין זיכרון —
אויף נישט פאַרגעסן די גילגולים דריי.

ווייל כ׳האָב פאַרשפּייכלערט טיף אין די געבליטן
דעם טאַטנס ניגון און דער מאַמעס רייד —
כ׳האָב אין געמיט אַ בונד מיט זיי פאַרשניטן
זינט מיינע דריי גילגולים **אייביקייט.**

אַ ווײַסע גיב מיר אין די ווייטסטע ימען,
און ברויט מיט וואַסער — כ׳בין נישט רײַן פון זינד —
און כ׳וויל נישט מער אייטערפּעס פוסטע גראַמען
און דעם געפליגלטן פּעגאַז אין ווינט.

אַ יידיש־בליענדיקן צווייג באַווייליק,
וואָס מ׳האָט אים עפּעס דורך אַ נס דערלייזט —
אַ נישאר פונעם בוים, וואָס מ׳האָט פאַרטיליקט,
און קוים אין אונדזער בראָך אַ טראָפּן טרייסט.

און כ׳זאָל פאַרלעבן אַלע יאָרן מײַנע
מיט אָט־דעם צווייג אין ווייטע עקן וועלט.
די לענדער, וואו די שענצטע שטערן שײַנען —
זיי האָבן נאָך מיר לויערערס צעשטעלט . . .

אַ ווײַסע גיב מיר אין די ווייטסטע ימען
און נאָך אַ גילגול יאָרן, איינעם נאָך.
דאָס לשון־און־דאָס־ליד פון טאַטע־מאַמע
פאַרהיילט אַ קאָפּ מײַן אייביקדיקע בראָך.

## דאָס ליכטיקע לעמעלע

כ'בין אַרויס פונעם שלאָף און אַריין אין אַ חלום אויף וואָר:
אַ ליכטיק לעמעלע איז געלעגן אויפן פענצטער,
און געדרימלט.
כ'האָב דערויף געקוקט מיט גדולה,
און מיט קיין אבר נישט גערירט —
כ'זאָל עס נישט איבערשרעקן.

ביסלעכווייז, צונויפגעקנוילטערהייט,
איז עס אַראָפּ פונעם פענצטער אויפן דיל,
זיך צוגעשאַרט צו די פיסלעך פון מיין בעט,
און שטיל, ווי אין אַ חלום,
כאָטש ס'איז קיין חלום נישט געווען,
איז עס דאָרט געבליבן ליגן, דרימלענדיק.

פּלוצעם איז עס נישט געוואָרן.
כ'בין צו צום אָפענעם פענצטער, און דערזען —
ווי די זון נעמט שפּרייזן איבער דער שטאָט
און צינדן די הויכע שויבן.
שוואַרצע שטיקער רויך־מאַרלע
שלייפן זיך אַרום איר.

אונטער מיין פענצטער
ברענען נאָך געלבלעך־בלייך די עלעקטרישע לאַמפּיאָנען.
די גאַסן ציען זיך — אָנגעטאָן אין רעלסן־נעצן.
די נאַכטיקע נעאָן־ליכטער ריבן נאָך מיד,
און אַ מאָנסטער — אַ פּעטע, פּירקאַנטיקע שלאַנג,
הוזשעט פאַרביי אויף רעדער.

כ'האָב דאָס ליכטיקע לעמעלע מער נישט געזען
אַ גאַנצן טאָג.

## אַ ליד פון אַ בלינדן קאָבזאַר

ווו די וועגן שניידן זיך איבער
אין אַ צלם, אַ לענג און אַ ברייט,
זיצט אַן אַלטער, בלינדער בעטלער
און זינגט, און די קאָבזע דרייט.

ער האַלט די קאָבזע־מולטער
אויף די איבערגעצלמטע פיס.
זיין קול איז מיד, געבראָכן,
נאָר די קאָבזע כריפּעט זיס.

ער זינגט אַ ליד, וואָס מע קען שוין,
וואָס מ׳האָט שוין לאַנג געהערט,
און שענקט מען אים אַ נדבה —
איז דאַנקט ער און קושט די ערד.

די גויעס הערן דאָס ליד שוין
צום צענטן מאָל, צי מער.
זיי שטייען און קנייפּן די מיילער
און ווישן שטיל אַ טרער.

„מיין ליד דאַרף איטלעכער הערן,
און ווי די קאָבזע וויינט.
דערביי קען מען טרערן פאַרגיסן —
אַז מ׳האָט נישט קיין האַרץ פון שטיין.

אַ סאָלדאַט איז אַוועק אין מלחמה,
די באַשערטע געלאָזט אין דער היים.
די ליפּע האָט דעמאָלט געצוויטעט
פאַר איר כאַטע פון שטרוי און פון ליים.

אַ מאַדנער בוים — אַ ליפּע,
מיט עפּל און קאַרשן באַגליקט.
פלעגט קומען פאַר נאַכט אַ ווינטל,
עפּעס זאָגן — און פליען צוריק.

די ליפּע פלעגט פאַרנעמען
דעם ווינטלס געשאָרכטע רייד,
און פלעגט זיך ביטער צעוויגן
אין איר שמעקעדיק צוויטן־קלייד.

זי פלעגט פאַררייסן די צווייגן
מיט עפּל און קאַרשן און צוויט,
און זיך ציען און וועלן פאַרפליען —
וואו־אַהין, אָבער, ווייסט זי ניט.

די הינער אין שטעלכל קוואָקען,
די קו דאַרף זיך קעלבן באַלד,
די ליפּע שטייט און ציטערט,
ווייל ס׳איז איר וויסט און קאַלט.

זי הערט נישט מער קיין ווינטל
און זיינע געשאָרכטע רייד —
און אויף די צווייגן וויאנעט
דאָס ווייסע צוויטן־קלייד.

וואראָנע, דו שוואַרצער פויגל,
פלי גרינג איבער וואַסער און שטיין,
און זאָג מיין שיינער ליפּע
זי זאָל צאמען איר געוויין.

וואַראָנע, דו שוואַרצער פויגל,
נישט זאָג איר אַז איך פאַרגיי.
מיין בלוט האָט שוין אויסגעקאַפּעט
און סע טוט מיר שוין גאָר נישט ווייַ.

איז געקומען דער פויגל צו פליען,
ער איז שווער דערפלויגן קוים —
און ער זוכט די ליימענע כאַטע,
און ער זוכט דעם ליפּע־בוים.

די כאַטע שטייט און טרויערט,
מיט פיר פאַרצאָגטע ווענט,
און די ליפּע ליגט פאַרשניטן,
פון אַ פינצטערן דונער פאַרלענדט.

מיין ליד דאַרף איטלעכער הערן,
און ווי די קאָבזע וויינט.
דערבײַ קען מען טרערן פאַרגיסן —
אַז מ׳האָט נישט קיין האַרץ פון שטיין.״

# אין וואַלד

ווער סע באַוואונדערט די שטאָלצע, פאַרריסענע
קלויסטערס,
מיט זייערע דאָמען;
די שטאָל־און־צעמענט־קאַטעדראַלעס,
מיט זייערע קופער־באַשלאָגענע טירן,
וואָס גליווערן אייביק און פרירן;
די מענטשן־געסטראָיעטע שטיינער־קאָלאָסן,
די מאָנסטערס פון גלאָז און פון מירמל,
וואָס שפּיציקן זייערע פּלייצעס,
אַזוי ווי פאַרצייטישע פיפער־דראַקאָנען —
און וואָלטן דערשטאָכן דעם הימל,
ווען זיי זאָלן קאָנען.

נאָר מיך אָבער כישופט דער וואַלד־מקום־קדוש —
מיט זיינע טאָפּאָלן־מנורות,
וואָס ציען די צווייגן, ווי הענט, צו די הימלען
און לויבן מיט לעבעדיק בלעטער־געשעפּטשע דעם בורא
פאַר אַלע געשענקטע פאַרמעגנס —
פאַר זון און פאַר ווינט און פאַר רעגן;

מיט זיינע צעצוויטעטע ליפּע־פאָרטאַלן,
וואָס וויטען זיך און וואָס פאַרבעטן אַריין
צו די ווייסע בערעזעס, ווי כלות;

מיט זיינע צעטשירקעטע פייגל־כאָראַלן,
וואָס תהילימען לויב פון די צווייגן־געצעלטן אַרויס,
אָנהייב־טאָג,
ווען די וואַלד־טונקל שלייערט זיך אויס פון די
קאַלדערעס נעפּל,
וואָס פליטערן נאָך מיט דער שיין פון די שטערן,
וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט צו זיי אין די פאַלבן . . .
טשיר־טשיר־ טשיר־הטשירים —
צעוויגן זיך פייגלישע טענער,
פון בלערליי גלאָקן־געהודעס פאַרכאַפּיקער, שענער,
און קייטלען זיך צווישן די ראָסע־געוואָשענע ביימער,
און פּערלען און טרעלן אַ דאַנקשאַפט צום האַר פון
די וועלטן.

מיך פּלעפן די פרעסקן פון ביימער־פּאַסאַדעס׳
וואָס נעמען זיך מינען, זיך פעלבלען,
ביים מינדסטן באַריר פון אַ גלעטנדיק ווינטל, אַ ליאַדע;
ווי זילבער־געהעפטע פּרוכתן צייכענען אַלע אין איינעם
אַן אותיע, אַ קליינע,
אין גאָטס גרויסן נאָמען.

מיר ווילט זיך גאָר קושן
די יאַסיקלעך מאָכן און פּליושן,
צו־פּיסנס די זאַפטיקע קליאָנען —
ווי בריסט פון אַ וואַלדיקער גאָטעכע עפּעס,
וואָס עמיצער האָט זי אויף אייביקן דרימל פאַרשוואוירן,
ווייל ר׳האָט זי פאַרלוירן . . .

איך גאַף פון דער ליים־שטוקאַטור פון די שוואַלביקע נעסטן
וואו שטרויעלעך נייען —
פון טראָפּעלעך בלאָטע,
פון פוכן,
פון גאָרנישט —
געבעטע פּאַלייען,
אויף אייעלעך בריען,
אַז ס'זאָלן חלילה נישט אויפהערן דורות מיט שוואַלבן זיך ציען . . .

און היינט דאָס געפּלי פון די פייגעלעך־מאַמעס
נאָך שפּייז פאַרן קליינוואַרג!
זיי פליען,
ווי דאָרטן און דאָרט זאָלן וואַרטן די ווערימלעך,
אייגנס אויף זיי,
מע זאָל קומען זיי נעמען —
זיי האָבן שוין אָפּגעלעבט זייערס.
זיי פליען ווי פייעס —
און נישט ווי דעם מענטשנס באַפליגלטע שיפן,
וואָס גיבן אין מיטן־דערינען אַ קראַך צו די גרונטן,
און הרגענען אויס דאָס געאייליקע מענטשוואַרג
ביי זיך אין די טיפן.

איך גאַף פונעם זייד־פּיליגראַן,
וואָס אַ שפּין הענגט אַרויס אויף צוויי ריטעלעך —
פליגעלעך כאַפּן,
און זעצט זיך אַוועק אין אַ שפּעלטעלע וואו,
אויף דער לויער,
אַט־ווי סע פאַרוואַרפט אין די שטראָמען די נעצן אַ פישער, אַ פּויער.

איך קוק אויף דעם אַרבעס־געוויקס,
און איך קען מיך נישט זעטן מיט חידוש:
ער שיקט זיינע פעדים זיך שרויפן,
זיך דראַפּען אַרויף־צו,
זיך ציען צו פלויטן
און שלעפּן די שויטן
אַוועק פון דער קיל, פונעם שאָטן,
אַלץ מערער צום ליכט —
אַז די זון זאָל זיי צייטיקן, בראָטן.

איך גיי דורך דער וואַלדיקער שטיל און איך גאַף,
ווי אין גרעזל, אין מינדסטן באַשאַף,
און אין מינדסטן בעל־חי, וואָס ער קען אַזש קוים קריכן,
איז חכמה פאַראַנען
נאָך אפשר פיל מערער ווי אין די צעפּוזשעטע באַנען,
וואָס ס׳בויט זיי דער מענטש מיט רציחה.

מיך שרעקן פאַראַדנע, צעבליאָסקעטע טירן,
די פינצטער, וואָס ליגט הינטער זיי און באַהאַלט זיך . . .
די וואַלדיקע סטעזשקעלעך פירן
און ווייזן אַ מיקדש׳
וואָס ס׳האָט נאָך דער מענטש נישט באַוויזן פאַרשווענכן.
אַ הייליקער ציטער באַפאַלט מיך —
איך שעפּטשע: באַשעפער, מה רבו מעשיך ! . . .

## אַן אומגליק קען געשען . . .

אַ שרעק! מע זעט שוין היינט אין שטאָט כמעט קיין
פערד נישט,
און נישט קיין פייגעלעך אויף באַלינגע זיך נערן.

סע ווערט מיט יעדן טאָג זיי שווערער זיך צו שפּייזן —
גיי פּיק אַ בראָק צעמענט, גיי דזשובע ברוק און אייזן.

און מאָנסטערס רעדערן און ריטשען און פאַרטויבן,
און טרייבן מיינע פייגעלעך און מיינע טויבן.

און מיך אַליין טרייבט אויך די שטאָט מיט איר האַרמידער.
איך לויף און איך אַנטרין — צו אויסגעהוילטע לידער.

נאָר היינט האָב איך געזען אין מיטן גאַס, אין סאַמע:
אַ קופּע באַלינגע, און פייגעלעך — אַ ליאַמע!

ס'האָט ווער פאַרבייגעפירט אַ פּראָסטן פערד־און־וואָגן —
און עפּעס באַלד האָט אים אַ שטורעם־ווינט פאַרטראָגן.

נישטאָ דער וואָגן, נישט דאָס פערד — אַוועקגעפלויגן!
נאָר ס'ליגן קנוילן באַלינגע פאַר מיינע אויגן.

די קנוילן — נאָר־וואָס פונעם אינגעווייד, נאָך וואַרעם —
סע רויכערט זיך נאָך אַזש פון זיי אַ דינע פאַרע.

אַ ווינטל גיט אַ פלי — קיין רגע נישט געזומען —
און ס'האָבן אָנגעהויבן פייגעלעך צו קומען.

און תיכף — מיט געפּישטשעריי און מיט גדולה: —
ס'איז טיף פאַרנאַכט — און דאָ אַ סעודה, אַזאַ פולע!

אַ שלעפּער איז פאַרביי, דאָס פּנים לויטער פּאָקן —
און מיט אַ שפּיי טאָטון די פייגעלעך דערשראָקן.

דאָס האַרץ האָט זיך מיר אָפּגעריסן אויף אַ רגע.
דער שלעפּער אָבער גייט זיך ווייטער זיינע וועגן.

ער האָט נישט זיי געמיינט אין מיטן דעם געהודע.
די פייגעלעך — שוין דאָ צורוק ביי זייער סעודה.

איך שטיי און קוק און גאַף און קען מיין אויג נישט זעטן.
די זון האָט אויך דאָס סעודהלע געגומען גלעטן.

נאָר ווי, צו גיך פאַרגייט עס היינט דער גרויסער
שטערן —
אַט־אַט וועט ביי דעם וועטשערקעלע פינצטער ווערן . . .

אַן אומגליק קען געשען! — אין פינצטערן געטומל
זאָל נאָר אויף מיינע פייגעלעך קיין בראָך נישט קומען.

האָב איך די הענט פאַרהויבן צו דער זון: „איך בעט דיך—
פאַרהאַלט דיין גאַנג, גיי־אונטער היינט אַ ביסל שפעטער.

סע קומט די פייגעלעך, דו מוזסט עס זיי באַשערן —
און אין דער מיטן זיי די סעודה נישט פאַרשטערן.

כ׳על שטיין אַקעגן דיר, די הענט אין תפילה ציען,
ביז־ווען איך זע דאָס לעצטע פייגעלע פאַרפליען.״

איך האָב געבעטן שטום, מיט איינגעהיטן פייער,
איך האָב דעם אָטעם אַזש פאַרהאַלטן, זיך
פאַרטאַיעט — — —

האָט מיך די זון דערהערט און זי האָט זיך פאַרהאַלטן
ביים האָריזאָנט, אַ מידע, צווישן וואָלקן־שפאַלטן —

און האָט געשענקט די פייגעלעך די לעצטע שטראַלן,
און ערשט דערנאָך איז גיך די פינצטער צוגעפאַלן.

און דאָרט, וואו ס׳האָבן זיך די פייגעלעך געפיטערט,
האָט לאַנג נאָך אין דער לופט אַ טשירקעריי
געציטערט . . .

## אַ מעשה

די דונסקיט — אַ באַשיידענע מתּנה

ערגעץ ווייט פון דאַנען, אין אַ יידיש שטעטל,
און צוריק מיט שיינע עטלעכענע יאָרן — — —

אָט־אַזוי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן
אַ מדינה־גייער, צווישן מנחה־ומעריב,
איינע פון די אָן אַ שיעור מיט מעשות זיינע.

מ׳האָט געוואוסט, דער ייד איז אָנגעשטאָפּט מיט מעשות.
ער איז נישט געווען אין שטעטל גאָר קיין פרעמדער —
מ׳האָט אים באַלד דערקענט אין זיינע שטילע תנועות,
אינעם שעמעוודיקן האָרב אויף זיינע פּלייצעס,
אינעם שפּיצעכיקן, אָפּגעטאָקטן בערדל
און אין זיינע אויגן גוטע מרה־שחורה.
איטלעכן נאָך־פּסח פלעגט ער דורכצוציליען
מיטן שטעקן, טריט ביי טריט, און מיט דער סאַקווע
וואו אַ שטאָט און שטעטל נאָר אין דער מדינה
און צונויפצוקלייבן אויף הכנסת־כלה
פאַר אַ טאָכטער זיינער, וואָס איז שוין פאַרזעסן,
און סע מאַכט זיך איר גראָד איצט אַ גוטער שידוך.

אין דער סאַקווע, לעבן טלית מיט די תפילין,
אין אַ לייוונט־בייטעלע, פּאַרקניפּט מיט שטריקלעך,
אין אַ שקעטל, וואָס פאַרמאַכט זיך אויף זאַוויסעס,
איז געלעגן אַ געשריפטס, אַ געלס ווי פּאַרמעט,
מיט אַ ריין געכתב און האַרציקע מליצות,
וואו מע ווענדט זיך שיין צו יידן בני־רחמנים,
און מ׳איז איטלעכן וואָס לייענט דעם בריוו מעורר
צו דער גרויסער מצווה פון הכנסת־כלה —
ובפרט: דער מוסר־כתב איז אַ מטופּל
מיט אַ שטוב מיט קינדער און דערצו אַן אלמן,
לא עליכם, און זיי שפּייזן זיך בדוחק,
נאָר מע דאַנקט דעם אייבערשטן פאַר זיינע חסדים.
איצטער אָבער מאַכט זיך גראָד אַ שעת־הכושר,
אַז אַ טאָכטער, וואָס האָט שוין דערגרייכט לפרקה,
זאָל חלילה נישט באַדאַרפן ליידן בושות —
נאָר מע זאָל מיט איר אַ זיווג הגון שליסן,
אויף צו גרונטיקן אַ בית־בישראל,
און מע בעט לכן — נישט מחמיץ זיין די מצווה,
ובזכות דערפון זאָל איטלעכער דערלעבן
פירן צו דער חופּה בנים ובני־בנים
אין אַ שעה מוצלחת און מתוך הרחבה. —
און ביים סוף געשריפטס — ובאנו על ~~החתום~~ —
שטעלן עטלעכע רבנים די חתימות,
וואוילבאַוואוסטע אינעם גאַנצן לאַנד לתהילה.

און — שלא להוציא את הנייר חלק —
נאָך דערצו אַ שיר מיט לויטער שיינע גראַמען
אויפן נוסח פונעם מי־שברך — אָבער
צוגעשניטן קונציק לויט כפי דעם ניצרך
און כפי דעם ענין, וואָס דערוועגן רעדט זיך.

נאָר דעם שיר צו לייענען קלעקט שוין נישט קיין חשק.
בעסער, טראַכט מען זיך, אַ מעשה אויסצוהערן,
פון די מעשות וואָס סע טראָגט מיט זיך דער פרעמדער
אין אַ סאַקווע, וואָס מע זעט אים נישט זי דזשוויגען,
נאָר זי ליגט דאָרט ערגעץ אינעם האָרב מסתמא . . .
לאָזט דער פרעמדער דווקא זיך קיין סך נישט בעטן —
ווי סע זאָל שוין זיין ביי אים אַזאַ מין שטייגער
און ער הייסט דעם עולם זעצן זיך און שווייגן,
און ער זעצט זיך אויך אַוועק, און פונקט אין מיטן,
אַט־אַזוי אַז אַלע זאָלן קאָנען הערן,
ווייל דאָס קול איז ביי אים אויכעט אַ געשלאָגנס, —
און ער נעמט דערציילן אָן קיין שום הקדמות:

עקעץ ווייט פון דאַנען אין אַ יידיש שטעטל —
עס, כ׳איז נישט כדאי דעם נאָמען צו דערמאָנען —
און צוריק מיט שיינע עטלעכענע יאָרן,
דאָט געלעבט אַ חזן, נאָך נישט קיין באַווייבטער.
ווי ר׳איז נאָר אין יענעם מקום אָנגעקומען,
וויל מען וויסן: נאָך אַ בחור? נו, און תכלית?...
ענטפערט ער: נישקשה, ערגעץ וואַרט אַ זיווג.
און ער מאַכט זיך אַ לצנותל: וואָס שייך?
קען דען זיין, אַז פערציק טעג פאַר מיין יצירה
האָט מען פונקט פאַרגעסן אויבן אויסצורופן
די בת־פלוני, וואָס איך וועל זי דאַרפן נעמען?
מיינט מען, נו, אַז צווישןביידע טאַטע־מאַמעס
איז שוין ווען געווען דערוועגן אַ מדובר
נאָך מיט יאָרן פריער אפשר, — פרעגט מען מער נישט.
נישט מע פרעגט אים, נישט מע גיט אים אָנצוהערן.

מ׳איז ביז דעמאָלט אויסגעקומען מיט בעל־תפילהס
דאָרט אין שטעטל, ווי געוויינטלעך אין אַ שטעטל.
נאָר געווען שוין אויך אַ צד, וואָס האָט געטענהט,
אַז ס׳איז לאַנג שוין צייט, מע זאָל זיך נעמען פירן
ווי מע פירט זיך היינט: — אַ חזן, מיט אַ מיצל,
מיט אַ שטעל, מיט׳ הכל־בכל און מיט נאָטן,
אי צו גאָט און אי צו לייט — ס׳איז נישט קיין עוולה!
און סע פלעג אפילו קומען צו זילזולים
און צו חילול־קודש סאַמע אין בית־מדרש. —
איז כדי אַזוינס זאָל זיך נישט דאַרפן טרעפן,
און מע זעט: דער יונגערמאַן פאַרמאָגט די סחורה,
און די שטיקלעך זיינע, וואָס ער זאָגט „אויף פּראָבע״,
זיינען צוקער־זיס, מע לעקט פון זיי די פינגער,
און ער האָט ביי יעדן חן און איז מרוצה —
זיינען ביידע צדדים באַלד געוואָרן מושווה,
און דער יונגערמאַן איז דאָרט געבליבן חזן.

פיין און וואויל, ער דאַוונט גלאַטיק און כשורה —
נוסח, ווי געוויינטלעך, שטייגער און מסיני
און דערצו אַ קווינט חזנות, אויף טשיקאַוועס. —
נאָר סע גייט אַוועק אַ חודש, צוויי, אַ דריטער —
נעמט ער פּלוצים עפּעס אַלץ וואָס מער פאַרגיין זיך,
און ער הייבט אָן ווייזן קונצן מיט חידושים,
ווי צו ווייזן, וואָס ער האָט ביי זיך אין כלי —
פידעלעך און פייפעלעך, אפילו פייקלעך,
און פון אַלע פייגעלעך אין וואַלד די קולות,
אָפּגערעדט פון אַלע טענער און געקלאַנגען,
וואָס אַ האַלדז פון פלייש אוןביין קען נאָר פאַרמאָגן.

און פאַרגייט ער זיך, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן —
דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר דעמאָלט במחשבה
ערגעץ העט „ביי זיי“, אין זייערע פּאַלאַצן,
וואָס זיי האָבן דאָרט נישט אונדזערע געפּלאָגן,
נאָר זיי ליגט אין זינען ווייס־איך־וואָס, הפקרות.

פריער טרעפט עס ווינציק, נאָר וואָס ווייטער — מערער,
און מע זעט, צו עמיצן אין ערגעץ ציט אים,
און דאָס האַרץ איז נישט געווענדט גאָר כלפּי־מעלה...
און סע טרעפט, ער איז מבלבל די מחשבה —
און מע הייבט זיך אויף און, דורך די שמאָלע פענצטער,
איז מען באַלד מיט אים אין דרויסן און מע טראָגט זיך
ווי אויף פליגל, — אמת, אַ כהרף־עין,
נאָר דער איין כהרף־עין ציט זיך, שפּרייט זיך —
און מע כאַפּט זיך אויף פון אים ווי פון אַ חלום . . .

גייט מען שוין אַרום מיט איינגעקנייטשטע שטערנס —
און אין גיכן הייבט מען ממש אָן דערפילן,
אַז דעם חזנס זינגען דרייט זיך אויף נגינה,
וואָס ס׳איז שיין צו הערן, נאָר זי בלאָנדזשעט ערגעץ.
נישט זי וועקט דאָס האַרץ צו תפילה און עבודה,
נאָר זי כישופט בלויז מיט אַלע אירע טרעלן,
און מע האָרכט זי ווי אַ דבר בפני עצמו.
והא־ראיה, אַז דער חזן ענדיקט זאָגן,
ער האָט שוין באַוויזן אַלע בריהשקייטן —
דעמאָלט קומט מען צו זיך, דעמאָלט ערשט דערזעט מען,
אַז מ׳איז אויך אַליין געווען אין דער מחשבה
נישט גאָר ביי דער תפילה און ביי איר כוונה,
נאָר — מע דאַרף עס גאָר נישט קעגן נאַכט דערמאָנען...

און מע פילט, אַז ער איז פוגם אין די תפילות,
און זיי גייען גאָר, חלילה, וואו לאיבוד
און דערגרייכן נישט אַהין, וואו זיי באַדאַרפן.
וואָס זשע טוט מען און ביז וויפל קען מען שווייגן?
האָט מען אין דער שטיל געשיקט אַן אָדם חשוב
צו ר׳ ישראלטשע וויזשניצער, זכותו יגן —
ער זאָל זען און ראַטעווען, כל־זמן סע לאָזט זיך.
האָט אים טאַקע באַלד דער רבי אויפגענומען —
ווי ער זאָל געווען פון פריער אַלצדינג וויסן:
וועגן חזן — הייסט ער זיך שוין מער נישט זאָרגן, —
ער איז שוין אַוועק, אַזוי ווי ר׳איז געקומען . . .
נאָך האָט ער געזאָגט, דער רבי, זכותו יגן:
תמיד איז אַ חזן די כוונות מעביר,
מיטן כוח פון השפעה שבנגינה,
אויף דער עדה, וואָס ער איז עס איר שליח,
סיי כוונות גוטע, סיי חלילה שלעכטע.
און אַן עדה כשרה ווערט נאָר דעמאָלט נכשל,
וואו ס׳איז שוין פאַראַן אַ שפעלטעלע פון פריער
פאַרן פסלות, זיך אַהין אַריינצוגנאַרן.
דער גענאַרער האָט גענאַרט נישט איין קהילה,
נאָר אַסך, ביז וואַנען מ׳האָט אים נישט פאַרטריבן.
גיי אַצינד אַהיים און זאָג דער עדה יידן —
מע זאָל תשובה טון און בעטן אויף זיך רחמים,
און דער אייבערשטער, דער נותן יד לפושעים,
וועט מסייע זיין איעדערן צו גוטן.
אויף להבא אָבער זאָל מען זיין געהיטן.

נו, אַז דער שליח איז אַהיימגעקומען,
איז שוין אַ מעת־לעת דער חזן נישט געווען דאָרט . . .
להײדם און אויס און מ׳האָט אים באַלד פאַרגעסן —
מע זאָל שוין אַזוי פאַרגעסן אַלע צרות . . .

דאָ האָט זיך דער פרעמדער אָפּגעשטעלט אַ רגע,
זיך אַרומגעקוקט, געזען אַז אַלע הערן —
האָט ער זיך פאַרטראַכט אַ קראַץ געטאָן אין בערדל,
און אַ זיפץ געטאָן און — ווייטער צו דער מעשה:

אין אַ צייט אַרום, אַ צוויי־דריי יאָרן שפּעטער,
אין אַ שטעטל אין אַ צווייטן עק מדינה,
האָט זיך איין מאָל אין אַ מיטן וואָך זאַנאַדיעט
גאָר אַ מאָדנער קאָטער — ממש אויף חידושים:
איינגעדאַרט, און אָפּגעבליאַקעוועט דאָס פעלכל,
מיט אַ לאַנגן גאָרגל און מיט ברייטע פּיסקעס.
פּלוצעם, אין אַ העלן טאָג, אַ שיינעם —
האָפּ! און אין דער רגע היימישלעך מיט אַלע,
פּונקט ווי דאָרט געבוירן און אַ בעל־חזקה...

מילא, נו, ווער קוקט זיך אום? איז נאָך אַ קאָטער.
ווינציק קאָטערס שלייען אום אין הינטערהויפן?
יענער קאָטער אָבער, גאָרנישט ווי קיין קאָטער,
פלעגט זיך עפּעס צו פיל וואַרפן אין די אויגן,
און ר׳איז אויסגעוואַקסן וואו מ׳האָט נישט געריכט זיך,
עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אונטערהערן
וואָס מע רעדט און צי דערמאָנט אים ווער ביים נאָמען...

מילא, נו — אַ סוף! נאָר ביסלעכווייז דערזעט מען,
אַז דער פרעמדער קאָטער האָט אַ מאָדנע טבע —
דרייען זיך און שאַרן זיך, בשעת מע דאַוונט,
צו דער טיר און צו די ווענטלעך פון בית־מדרש,
און דער עיקר ביי דער שטילער שמונה־עשרה,
און אַ מאָל אפילו טרייסלען מיט דער קליאַמקע
און זיך עפּעס בעטן מיט משונהדיקע קולות — — —

האָט מען איינגעזען: ס׳איז אָן אַ סוף אַ מעשה —
פלעגט מען, ווי דער שטייגער, וואַרפן אויף אים שטיינער,
גיסן אויף אים וואַסער — פון דער עזרת־נשים, —
פלעגט ער הייבן פיס און שפּרינגען מיט געוואַלדן
איבער שטאָק און שטיין און איבער די געשטעלן,
און ספּאַלאָשן אינעם מאַרק די בינטלעך ווייבער,
און פלעגט איבערקערן פייער־טעפּ אין לויפן — — — —

ס׳האָט אפילו עטלעכענע מאָל געטראָפן,
אַז אַזוי אין לויפן האָט ער אויסגעשאָטן
אַ געדראָטעוועטן פייער־טאָפּ מיט קוילן
סאַמע אויף אַ שטויס מיט סחורה אָנהייב מאַרקטאָג,
און ס׳האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט ביי אַ שריפה —
און דאָס גאַנצע שטעטל זאָל אַוועק אין פייער.
אַ מערכה, און אַ נס, וואָס אותו רגע,
פּונקט אָט־דעמאָלט, ווען די סחורה הייבט אָן ברענען —
יאָגט פון ערגעץ אָן אַ ווינטל, אַ צעלאָזנס,
און פאַרלעשט די אָנגעכאַפּטע שטיקער סחורה,
און צעטראָגט די פונקען איבער פוסטע פעלדער...

זעט מען עפּעס: עט, ס׳איז נישט קיין פּראָסטער קאָטער,
נאָר מע גריבּלט זיך נישט. אויב ער איז אַ גילגול,
האָט ער זיך פאַרדינט און קומט איצט אָפּ מסתמא.
נאָר ס׳איז פאָרט אַ חידוש: מילא, וואָס זשע אָבער
יאַוועט ער זיך אָפּט בשעת מע שטייט און דאַוונט
און מע זעט: סע ציט אים, זיך אַריינבאַקומען — ?
עפּעס מוז דאָך זיין דערביי, ווייל ס׳איז נישט פשוט.
ווידער, סתם אים האָניען און דערגיין די יאָרן,
אָן אַ שום פאַרוואָס — איז אויכעט נישט קיין יושר.
מע באַדאַרף דאָך האָבן רחמים אויף אַ חיה,
ווי אין פסוק שטייט: ורחמיו על כל מעשיו —
און דאָס הייסט דאָך אויך, אַז גאָט פאַרנעמט די טענות
און די קריוודעס פון אַ שטומער צונג, אַ בידנער.

איז אַזוי־ווי מיטן שכל צו דערגיין דאָ
ווער דער קאָטער איז, האָט זיך נישט איינגעגעבן —
און ער נעכטיקט אַלץ אין דרויסן הינטער פלויטן,
און סע גייט צו ווינטער, און ס׳איז אַ רחמנות,
און מ׳האָט עפּעס אַלץ נאָך מורא אים צו לאָזן
אויף אַ שוועל, אַ יידישער, מיט אַ מזוזה, —
איז לכן געבליבן, נאָך אַ לאַנגן יישוב
אין בית־מדרש טאַקע, צווישן מנחה־ומעריב,
אַז דער רב זאָל פרעגן דאָרטן, וואו ער ווייסט שוין,
און ער זאָל נישט וואַרטן לאַנג — אַ שאלת־חלום:
ווער און וואָס דער קאָטער איז און נאָך כדומה, —
און אַז ס׳עט שוין מירטשעם זיין אַ פשר־דבר,
דעמאָלט וועט פאַרשפּאָרן שטעטל זיך צו שרעקן,
מע זאָל נישט דעם קאָטער שלעכטס טון בלא־יודעים,
צי אַזוי פוגע־כבוד זיין חלילה —

ובפרט ס׳אַ שטעטל מיט קענאָרע קינדער,
און מיט טראַגנדיקע נשים, גאָט צו דאַנקען.

נו, האָט זיך דער רב, נאָך כלערליי הכנות,
אָפּגעזונדערט פון דער וועלט אויף דריי מעת־לעתן —
בלויז ביים מנין זיך געוויזן, ווייטער גאָרנישט,
נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון זיינע לעפצן,
חוץ די תפילות, וואָס מ׳האָט נאָר געהערט אים שעפטשען—
און דערנאָך, אַזוי האָט שטעטל זיך געסודעט,
האָט ער אָפּגעפאַסט א תענית נאָך אַ תענית,
און געבעטן גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן —
היטן זיינע שעפּעלעך, נישט לאָזן בלאָנדזשען,
און נישט לאָזן קיינעם קומען צו קיין מכשול, —
ווייל די עדה יידן וויל דען עפּעס מערער
ווי פאַרזאָרגן מיט חיונה ווייב און קינדער,
און דעם אייבערשטן, חלילה, נישט דערצערענען?
אָבער, וויי, דער עול־פּרנסה איז אַ שווערער,
און די דאגות זיינען גרויס און די נסיונות,
און דער שטן, ווי געוויינטלעך, איז מקטרג...
זאָל מען אים אין חלום לאָזן וויסן, בעט ער,
— כאָטש ער ווייסט, ער האָט עס ניט די מינדסטע זכיה:
צי באַהאַלט זיך עס נישט עמעצער אין קאָטער.
אויב ער איז אַ גילגול — וואָס דאַרף זיין זיין תיקון?
ווידער, אויב ס׳איז טאַקע מער נישט ווי אַ קאָטער
און אַהער פון ערגעץ־וואו אַוועקגעבלאָנדזשעט —
זאָל מען אויך מודיע זיין, אַ רמז געבן,
וועט מען וויסן ווייטער, ווי מע דאַרף זיך פירן.

נו, ס'אַריבער שיינע עטלעכענע וואָכן —
און מע לאָזט דעם רב אין חלום גאָרנישט וויסן.
ס'הייסט, סע רעדט זיך נאָר אַזוי: מע לאָזט נישט וויסן...
עפּעס חלומט זיך אים, דאַכט זיך, יאָ, נאָר — ווייסעך,
בטלדיקע זאַכענישן דאָרטן, שטותים,
וואָס ער וויל זיי גאָר פאַר קיינעם נישט דערמאָנען —
ז'האָבן נישט קיין שייכות צו דער שאלת־חלום:
ווי ער בלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ חקל־תפּוחין —
און ער הערט נישט־ווייט אַ טייכעלע שעלעשטשען —
אָבער אין שעלעשטשען ניגונט זיך אַ ניגון —
און ער שפּרייט זיך און ער נעמט־אַרום דעם גאָרטן
ווי אַ פלויט פון שלייער, און נישט־ווייט אַקעגן
ווייזט־זיך־ווייזט־זיך־נישט אַן אָפּגעשטאַלט, פּאַרטאַיעט
און געהילט אין לויטערקייט — אַ מטרוניתא,
וואָס מע זעט אַזוינס נאָר סיידנס אין אַ דימיון —
און דער ניגון־שלייער וואָס־אַמאָל ווערט קלאָרער,
און ער שפּרייט זיך מער נישט, נאָר ער קומט אַלץ נענטער
און ער דרינגט אַריין אין זיינע כל־עצמותיו,
און ער וויל די מטרוניתא עפּעס פרעגן — — — —
נאָר ער כאַפּט זיך אויף און ווישט פון זיך די אַנגסטן.

איין מאָל חלומט זיך דער חלום און אַ צווייט מאָל,
און אַ דריט מאָל אויך מסתמא — ווער געדענקט עס? —
אַלץ דער אייגענער, דער ניגונדיקער חלום. —
איז צו וואָס אַזוינס דערמאָנען און דערציילן?
הייסט עס, אַז מע לאָזט אין חלום גאָרנישט וויסן.
האָט די עדה צער און פאַלט אַריין אין עצבות,
און דער רב אַליין באַטראַכט עס פאַר אַן עונש.

ר׳איז מפשפש, ווי מע דאַרף, אין זיינע מעשים,
און אַז ס׳קומט אין זינען אַ מחשבה זרה —
ווייסט ער, וואָס מ׳איז דאָ מכוון — און פאַרטרייבט זי.
און ער ווייסט עס וואויל: קען־זיין, ער איז אַ פושע,
כאָטש ער איז דער רב פון אַ קהילה יידן.
טייל מאָל דאַכט זיך אים — און אים באַפאַלט אַ פחד —:
ר׳האָט דערפאַר די אשה זיינע אָנגעוואוירן,
ווייל מע וויל אים פּרואוון, ברענגען צו ניסיון;
אָבער ער — וואָס איז ער מער פון פּראָסטן חומר?
און אפילו בלויז הירהורים זענען מכשיל
און זיי טוען אָן די צורה פון חלומות — — —

ווידער,נאָך אַ מאָל האָט ער געזען אין חלום,
ווי די חזנטע איז מיט אַ טאָפּ געקומען
פרעגן אים אַ שאלה און דערביי געקלאָגט זיך:
ס׳איז איר שווער צו קוקן אויף איר מאַנס יסורים —
וויפל, נעבעך, נאָך וועט ער זיך דאַרפן מוטשען?...

ליגט ער ביז סע ווערט שוין טאָג — און קען
ניט שלאָפן —
און ער טראַכט: ס׳אַ רמז, אַז ר׳איז נישט מקיים
ווי ס׳באַדאַרף צו זיין די מצווה ביקור־חולים. —
מ׳עט באַדאַרפן אָפּטער זען דעם קראַנקן חזן —
מיט אַ זעכציקסטל דעם צער אים מאַכן גרינגער.
גייט ער שטיל אַראָפּ זיך גיסן נעגל־וואַסער,
און ער זיפצט: אויף וועמען איז דער צער דאָ גרעסער —
צי אויף אים, דעם שכיב־מרע, וואָס בעט זיך: שטאַרבן,
אָדער גאָר אויף איר, וואָס בלייבט אָט־אָט אויף הפקר —:

און סע נעמט אים אָן אויף איר אַ גרויס רחמנות —
און סע פּאַלט אים איין אַ פּסוק: לא המתים —
זיפצט ער אָפּ, פאַרטראַכט זיך, און ער לייגט זיך ווידער.

אינעם קאָטער האָט מען שוין דערווייל פאַרגעסן.
אויס! אַראָפּ פון מאַרק און להד"ם און פּטור.
ובפרט אין דרויסן קיסנעט שוין אַ רעגן,
און ס'איז טיף אין חשוון און ס'אַ טיפע בלאָטע,
און די נעץ פאַרגנבעט זיך אין יעדן אבר,
און די אַלע מיחושן, וואָס דרימלען זומער,
שטייען־אויף און הויבן ווידער אָן דערקוטשען;
און מע זעט שוין טאַקע ווינציקער דעם קאָטער —
ווייל ער וואַרפט זיך מער אַזוי נישט אין די אויגן —
נאָר פונדעסן ווייסט מען: ער איז ערגעץ דאָ נאָך...

---

אין אַזאַ מין חשוון, שוין אַ יאָר דערינען,
איז דער שטעטלדיקער חזן איינגעפאַלן.
ס'איז געווען אַן אונטערגאַנג, נישט איצט געדאַכט גאָר,
און ס'האָט אָפּגעקאָסט דעם שטעטל זיבן אירע.
איינער ער, דער חזן, מוטשעט זיך זינט דעמאָלט.
סוף־כל־סוף האָט ער אין שלאָף פאַרמאַכט די אויגן —
און מ'האָט אומגערעדט געהאַלטן: ס'אַ מת־מצווה...
(ראש־השנה איז נאָך דער רב, מיט אים אַ מנין,
נאָכן דאַווענען און גייענדיק אַהיים שוין,
צוגעגאַן צום חזן איקגנס שופר בלאָזן —
און מ'האָט אים געוואונטשן, אַז דער בורא־עולם
זאָל ווי־גיך־און־באַלד אויף אים רחמנות האָבן...)

---

און ביים ערשטן מינין נאָך דער שטילער קבורה
אין דער היים ביי דער געשלאָגענער אלמנה —
זי׳ז געזעסן שבעה אינעם צווייטן אַלקער,
און מיט נאַסע טיכלעך זיך דעם קאָפּ געוויקלט,
און זיך צוגעלייגט צום גליענדיקן שטערן
פּעניצלעך באַרבוליע — האַמעווען דעם ווייטיק,
און דער מינין ענדיקט שוין די שמונה־עשרה,
שטיל, מע וואַרט נאָר אויפן רב, אַז ער זאָל „אויסשטיין״,
קומט אַריין אַ קינד פון דרויסן, קיינער זעט נישט,
און דער קאָטער קומט אַריין — און קיינער זעט נישט —
און ווי גיך דער רב „שטייט אויס״ די שמונה־עשרה —
עפנט פלוצים אויף דער קאָטער זיינע כלים —
און ער גיט אַ לאָז אַרויס אַזוינע קולות,
עלעהיי ס׳זאָל עמעץ שטיין און פון אים שניידן
לעבעדיקע שטיקער — און דער גאַנצער מינין
הייבט אָן טופּען מיט די פיס און שרייען: „קאָטאַ!״ —
און סע מישן זיך די ביידערליי געשרייען,
און סע ווערט אַ סכנותדיקע סומאַטאָכע —
נאָר דער רב דערלאַנגט אַ שטילן קלאַפּ אין שטענדער —
ווערט פון דעם געליאַרעם אין דער רגע — גאָרנישט!
שאַ, ווי גאָרנישט וואָלט געווען. — מע זוכט דעם קאָטער,—
וואָס מיר קאָטער? ווער מיר קאָטער? אויס! נישטאָ אים!
מילא, נו — איז נישט; געהויבן פיס, מסתמא.

אָבער, אין דער סומאַטאָכע זעט נישט קיינער,
אַז ס׳האָט זיך אַריינגעשטעלט אין שטוב אַן אורח,
ווי פון ווייטע לענדער גאָר־וואָס אָנגעקומען. —
אָרימלעך געקליידט און מיט אַ קנאָפּ אין גאָרגל,
נאָך אַ יונגערמאַן און נאָך־נישט קיין באַווייבטער,
אָבער באָרד און וואָנצעס שפּראָצן אים נישקשה —
און ער שטייט שוין און ער דאַוונט גלייך מיט אַלע.
האָט מען נאָכן דאַווענען דערלאַנגט אים „שלום״,
און — „פון וואַנען איז אַ ייד?״, — נאָר ער —
ווי גאָרנישט:
„נישט קיין נפקא־מינה. אַז כ׳על אייך שוין זאָגן,
וועט איר אויך נישט וויסן...״ — „סטייטש און היתכן?״
סיי־ווי, ר׳האָט מיט זיך אַ כתב פון דאָרט און דאָרטן,
אַז ער זוכט אַ „ברעטל״ דאָרטן וואו מע דאַרף אים —
און ער עפנט־אויף אַ קנופּ אין אַ פאַטשיילע
און דערלאַנגט דעם רבֿ, צונויפגעלייגט, אַ בריוול. —
נעמט דער רבֿ דאָס בריוול און, מיט גרויס באַדאַכטקייט —
טרעט ער אָפּ צוויי טריט און וויל שוין נעמען לייענען,
עפנט קוים אַ שפּעלטל — אָבער ער באַטראַכט זיך
און באַהאַלט דאָס בריוול טיף ביי זיך אין בוזים,
און ער מאַכט צום אורח אָט־אַזוי בנעימות:
קומט, ר׳ יונגערמאַנטשיק — זייט דערווייל מיין אורח.
איר האָט גראָד פאַרבלאָנדזשעט וואו מע דאַרף
אייך האָבן...

---

נו, צום פערטל יאָר האָט מען געשטעלט אַ חופּה:
די אלמנה, די געשלאָגענע, די יונגע,
האָט זיך זיבן מאָל געדרייט אַרום דעם אורח.

ווידער, וואָס אין בריוול איז געווען געשריבן,
איז ביז היינט פאַרחתמעט און אַ סוד געבליבן.
גאָט צו דאַנקען, וואָס אַזוי פיל קען זיך דאַכטן,
און ס׳איז תמיד דאָ ביי וואָס זיך צו פאַרטראַכטן...

דאָ האָט מען געזען: די מעשה איז פאַרענדיקט —
ווייל מ׳האָט שוין געוואוסט: דער פרעמדער האָט אַ טבע,
אַז ביים סוף פון זיינע מעשות ניצט ער גראַמען.

ס׳איז, האָט ער געזאָגט, לבני, פון שיינקייט וועגן —
קומען זאָל דער גואל באַלד אויף ציונס וועגן...

און דער שמש האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן —
און מ׳האָט אָנגעהויבן שעפּטשען: והוא רחום . . .



חלום-צויטן

## אַזאַ-אָ האַרבסט

ס'איז ווידער האַרבסט.
די סנאָפּעס אין די סטויגן טוליען זיך
און נעמען זיך אַרום —
אין קילער זון צעשטעלט.
אַזוי האָט איר זיך אויבעט דאָרט אַרומגענומען,
ערגעץ דעמאָלט, אין די לעצטע רגעס,
פאַר די אויפגעפּראַלטע גריבער־מיילער —
אויף אַזאַ־אָ פעלד.

די זון פֿאַרגייט אַ בלוטיקע.
די בלעטער פֿאַלן פֿון דיביימער —
קראַנקע פֿייגל.
בלעטער האַרבסטיקע דערמאָנען מיך אין בלוט.
(פֿאַר וואָס בין איך געשטראָפֿט — רמזים זען?)
ביי אייך איז דעמאָלט אויך אַזאַ־אָ האַרבסט געווען.

אַ פּיקהאָלץ קלאַפּט נישט־ווייט. איך זע אים נישט.
אַ ווינטל שאָרכט פֿאַרביי.
וואָס קומסטו, פֿויגל, וואָס דערמאָנסטו מיך?
אַ טויט געשטעפּ —
אַ ווייט געשיסעריי . . .

און אָט־די אלול־פּעדים, וואָס זיי שוועבן אין דער לופֿט,
ווי ס׳זאָל זיי גלעטן אַ געהיימע האַנט —
דאָס האָט דאָך איצט געבראַכט פֿון דאָרט דער ווינט
אַ זשמעניע אויסגעפּליקטע האָר, אַ באָבעס,
אָדער גאָר אַ מיידעלעס, אַ קינדס.

די שקיעה גליט.
זי שפּיגלט זיך אין טייכעלע,
וואָס פּליושקעט זיך און שוימט צו מיינע פֿיס.
די כוואַליעס גילדן זיך — די שקיעה גליט אין זיי . . .
דאָס גראָז ביים ברעג פֿאַרשטעלט דעם ייד,
וואָס ליגט דאָרט ערגעץ־וואו געקיילט
און כאָרכלט בלוט אויף ווייסן שוימען־שניי.

און אַט דער באַרג אַקעגן מיר —
וואָס טרויערט ער אַזוי?
וואָס זעט ער אין דער וייט?
די ביימער שטומען ביי זיין זייט
און ברעכן זיך די נאַקעטיקע צווייגן־הענט.

פון דאָרטן־העט דערטראָגט דער ווינט
צו מיינע פענצטער
דורך די נעכט
אַ שטום געוואַלד, אַ הייס געהעשע.
וועמען פירט מען דאָרטן איצטער צום געשעכט?

אַ קופּע בלעטער שויבערט זיך
צו־פיסנס פון אַ סנאָפּ —
אַ נאָכגעיאָגטער ייד באַהאַלט זיך דאָרט.
זיין טלית כוואַליעט פלאַקערדיק
אויף זיין צעפלאַמטן קאָפּ.

אַ סטעזשקע פירט אין וואַלד אַריין.
וואָס בעטסטו מיך, דו שיינער וואַלד, צו זיך אין מיט?
אַן עדה יידן גייט אַהין —
מע פירט זיי לעבעדיק באַגראָבן.
נאָר צו וואָס אַ טשאַטע ראָבן פליט זיי נאָך —
באַנעם איך ניט . . .

די שקיעה לעשט זי אויס.
אַן עלנט פּאַסטעך־פייפל יאָמערט וואו:
„ווייווי, מ׳האָט מיר פאַרצוקט די שאָף . . . ״
אַזאַ־אָ וואונדיק, וויט געקלאָג
צעלעכערט אין די נעכט מיין שלאָף.

# אַ ליאַלקע, אַזוי ווי אַן עופּעלע גרויס

איז געלעגן אַ טאָק אין אַ וואַרשעווער הויז,
אַ ליאַלקע, אַזוי ווי אַן עופּעלע גרויס —
האָט אַ דייטש געמיינט: ס׳איז אַ יידיש קינד,
און האָט אָנגעריצט אויף איר די הינט.
דערשמעקן די הינט: ס׳איז אַ ליאַלקע בלויז,
און לאָזן זי פון די ציין אַרויס.

האָט די ליאַלקע טעקיש געטאָן אַ געשריי —
אַ ליאַלקע טוט דאָך אויכעט וויי —
און איז ווידער געבליבן ליגן שטום
אינעם וואַרשעווער הויז, אינעם וויסטן אַרום.
האָט דער דייטש נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט׳
און איר מיטן שטיוול דערלאַנגט אין דער זייט —
האָט דער זעץ איר אויפגעריסן דעם בויך,
זי האָט אַזש אַ פּלי געטאָן אין דער הויך.

און פלאַטערנדיק אויף איר טעקיש געוויין,
איז זי געקומען פאַר גאָט צו גיין.
האָט גאָט גענומען די ליאַלקע צו זיך,
איר אַ קוש געטאָן אין דער סאַמע דיך —
וואו איר לייב איז געווען צעריסן, צעטיילט —
און האָט איר צוריק דעם ריס פאַרהיילט.
מיט טרערן האָט ער די וואונד פאַרקלעפּט,
און געזאָגט דער פּמליא: „די ליאַלקע לעבט״ —
און האָט זי געבראַכט אין גן־עדן אַריין —
מיט יידישע קינדער אין איינעם זיין.

## חצות קומט אַ ווינטל אַראָפּ אויף דער ערד

חצות קומט אַ ווינטל אַראָפּ אויף דער ערד,
פון די העכסטע הייכן — אַראָפּ אויף דער ערד,
און פלאַטערט אַוועק צו די טויערן פון רוים,
צו די אייביקע, פינצטערע טויערן פון רוים,
וואו משיח זיצט אין קייטן געשמידט,
פאַרקוקט אין דער ווייט — נאָר אין קייטן געשמידט.
דאָס ווינטל נענטערט זיך קוים און זאָגט:
„גאָט אין דער הייך האָט אַזוי געזאָגט —
גיי זאָג משיחן: גענוג געוויין —
איך האָב דערהערט זיין שטום געוויין.
איך וויל קיין שום געוויינען נישט מער
פאַרשניטענע עדות ווינען נישט מער . . .
זאָל ער אויפשטיין און אויסטון די קייטן פון זיך,
און אָנטון אַ ליכטיקע קרוין אויף זיך,
וואָס איך אַליין האָב זי געשמידט,
פון אַלע יידישע טרערן געשמידט.”

און די שכינה, אַ טויב, קומט צו פלאַטערן פרום.
און משיח הערט, ווי זי וואָרקעט פרום —
נאָר ער שליידערט דאָס פּנים טיף אין די הענט
און העשעט אַריין אָן אַ קול אין די הענט:

„איך וויל נישט קיין קרוין פון טרערן געשמידט.
איך וויל שוין אויף אייביק בלייבן געשמידט —
און מיין שטום געהעשע און מיך אַליין
זאָל נישט הערן און זען — אויך נישט גאָט אַליין . . .”

# חלום-צויטן

**א.**

כ׳האָב געזען אין חלום
ווי אַ מעסער בלענדט —
און אַ טויב זיך צאַפּלט
אינעם קיילערס הענט.

איינגעדרייט די פליגל
מיט אַ שטעכל־דראָט,
און דער קיילער, שיכור,
העפּעט אין אַ ראָד.

שיכור פון רציחה
און מיט ווילד געשפּאָט
פּאָכעט מיטן מעסער
און ער לעסטערט גאָט.

צו די הימלען הייבט ער
די געפּלאָגטע טויב —
נאָך אַ מאָל אַ טופּע,
נאָך אַ מאָל אַ הויב.

און ער שאַרפט דאָס מעסער
אויף אַ שאַרבן־ביין —
און די טויב בעמט וואָרקען
מיט אַ דין געוויין.

ווײנט די טויב און כליפּעט,
און דער קאָט טאַנצט אום, —
פלוצעם ווערט דאָס וואָרקען
איינגעשטילט און שטום.

און די טויב — אַן אָדלער,
גיכער פון געשווינד,
פּיקט דעם קאַט די אויגן —
און פאַרפליט, פאַרשווינדט.

און דער קאַט דערעקט זיך
ריטשענדיק און בלינד,
און זיין בלינד געהעשע
טראָגט אַוועק דער ווינט . . .

ב.

די וועלט איז טיף פאַרזונקען
אין אַ פינצטערער אָסיען־נאַכט.
פון אַ ווייטער באַן דאָס סאָפען
האָט דער ווינט צו מיין אויער געבראַכט.

ווער איז זי, די באַן? וועמען פירט זי?
וואָס ריטשעט זי אַזאַ סך?
איך קוק אַריין דורך די פענצטער.
איך ליג אויף איר פינצטערן דאַך.

די וואַגאָנען — אָנגעפּראָפּטע — — — —
איך שלעפּ אַרויס דורך אַ שפּאַלט
אַ כיתה יידישע קינדער —
די באַן שניידט־דורך אַ וואַלד.

אוי, לאָמיר זיך ערגעץ באַהאַלטן.
דער וואַלד איז געדיכט און גרויס.
נאָר די קינדערשע ליפּעלעך, ווײ מיר,
רעדן קיין וואָרט נישט אַרויס — — —

ג.

ס׳האָט זיך מיר געחלומט: שיפן . . .
שיפן פיר איך איבער ימען,
פון אַ לאַנד אין פייער־פלאַמען.
שיפן פול מיט שוועסטער־קינדער,
אָבער אויפן אָרט פון רינדער —
קאָסטנס פול מיט אַלטע ספרים,
אויפגעשטאַנענע פון קברים . . .

איך וועל מײנע קרובים אַלע
אויסבאַזעצן אין אַ פּאַלאַץ,
וואָס ער שטייט פון לאַנג שוין ערגעץ
אין אַ טאָל מיט הויכע בערגער,
אין אַ מקום־מקלט סאַמע —
דאָרט וועל איך זײ זײן אַ מאַמע.

און די גוטע ספרים נעם איך
אויף די הענט ווי שטילע לעמער —
און איך וועל מיך מיט זײ גרייסן,
אָט, ווי גאָט און לײטן הייסן.

## אַ יידיש יינגעלע שעמט זיך . . .

כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו איינעם פון די בילדער,
וואָס די דייטשע זעלנער פלעגן קלייבן
אויף צו האָבן אין דער היים צו ווייזן,
אין פאַמיליע־קרייזן —
דעמאָלט ווען מע זיצט, למשל, ביים פינף־אוהר־טעע,
און מע שטאָפּט דאָס וואונדערבאַרע באַקוועך
אין די בייכער, די אַרומגעגורטע . . .

. . . אָט־אָ שטייען יידן עטלעכע, מיט באָרד און פאות,
אָדם־נאַקעטע און אָן די יאַרמלקעס,
און גראָבן זיך אַ קבר.
ביז די קניען שטייען זיי אין גרוב שוין —
און זיי גראָבן.
דייטשע זעלנער מיט געגרייטע ביקסן,
און מיט פריילעכע פּרצופים — היטן . . .
אויפן ברעג פון קבר, וואָס מע האַלט אין גראָבן,
שטייט אַ יינגעלע, אַ יידישס,
אויכעט אָדם־נאַקעט —
און פאַרדעקט זיך מיט די הענט דאָס מילהלע —
פאַר בושה.

---

האַלט זיך מיטן יעזוס־קינד,
ביי מאַריען אויף די הענט —
וואָס כרובימלעך פאַרוויגן זיי אין שטילן ווייַרעך־ווינט
אין קירך, צעווישן רייך־אילומינירטע פענצטער־ווענט.

גייט דינט אים ביי דעם זויבערן אַלטאַר,
און ביי דער מעסע,
וואָס מע קען זי נישט פאַרגעסן:
אַך, ווי שיין עס וואַר! . . .
און אָרגל־רערן, מיט וואַלקירעדיקע קולות,
זאָלן איך באַלייטן: האַלעלויאַ, וואויל איז . . .
קוק צו אונדז אַריבער,
יעזוס ליבער . . .

און דערנאָך וועט איר פאַרברענגען אין פאַמיליע־קרייזן,
און בשעת איר שטאָפּט דאָס וואונדערבאַרע באַקווערק
אין די בייכער, די אַרומגעגורטעע,
ביים פינף־אוהר־טעע,
וועט איר איינס דאָס אַנדערע זיך ווייזן,
ווי אַ יידיש יינגעלע וואָס שעמט זיך
דעקט זיך צו דאָס מילהלע, דאָס נאַקעטע, —
און איר'ט פאַרגנבעט טון אַ קניפּ די אילזעס און אורזולאַס
אין די הינטנס —
און פאַרגיין זיך אין אַ וויסט כאָכאָטשען, אין אַ דולן,
און זיך אַזש פאַרקייכן אין אַ פינצטער כרוקען, —
איר וועט אַזש אין דרייען בייגן זיך און בוקן,
און סע וועלן אייך די אויגן פון די לעכער שפּאַרן — — —

. . . און אַ יינגעלע, אַ יידישס, אָדם־נאַקעט,
דעקט זיך צו מיטביידע הענט דאָס מילהלע —
סע שעמט זיך — אַלע בושות פּילט עס, אַלע צערן . . .

# צו דער בלייכער לבנה

דו, בלייכע, צאַרטע לבנה,
האָסט געזען אַזוי פיל געשעכט —
ווען דאָס רשעות איז נישט געשלאָפן
אפילו נישט אין די נעכט.

נו, איצט איז שוין העט נאָך דער שחיטה
אין מיין היימישן שטעטל דאָרט;
צי שטייט כאָטש אַ שטילער גדר
אַרום דעם פאַרוויסטן אָרט?

און דער הימל איז אויסגעשטערנט
אַצינד דאָרט, אַזוי ווי אַ מאָל?
און באַלייכטסט אויך איצט דעם פאַרלענדער
די בלאַנק פון זיין מעסער שטאָל?

ער גווט ווידער נאָך נאָכן אַקער.
ער באַהאַלט זיך פאַר קיינעם נישט אויס.
זאָל אָפגעמעקט ווערן זיין זאָמען,
אפילו זיין נאָמען בלויז.

דו, בלייכע, צאַרטע לבנה, —
ווי רעד איך אַזוי אין דיין שיין?
די קלאָג פון מיין אויסגעטייט שטעטל
איז מיר טיף אין בלוט אַריין.

## אַ ייִנגעלעס אַ בילד אין גראַמען

אָט איז אַ באַנק און אָט איז אַ טיש.
און אָט איז אַ לאָנקע אַ גרינע.
אָט איז אַ טייך מיט אמתע פיש,
און דאָ אין דער זייט — דער באַרג סיני.

און אונטערן באַרג איז פאַראַן אַ טיר
צו אַ הייל מיט טויזנט שפּאַלטן.
אין אַ שטורעם גייט מען אַריין אין איר
פאַרן רעגן זיך באַהאַלטן.

ס׳איז שאַ און שטיל. מע זיצט און מע וואַרט.
אויך די קו און דאָס קעלבעלע שווייגן.
די פייגעלעך האָבן זיך צוגעשפּאַרט
אויף די מידע לולב־צווייגן.

סע דאַכט זיך, מע הערט דאָס קול פון גאָט
אין די ווייטע דונערן רוישן.
מע וואַרט און מ׳איז גרייט, ווייל אָט־אָט־אָט
וועט גאָט נעמען רעדן צו משהן . . .

## אַן אורחל אויף שבת

מײַן ייִנגעלע האָט אָנגעטאָן מײַן קוטשמע,
און טאָפּטשעט אין דער מאַמעס אַ פּאָר שקראַבעס.
„גוט העלף אײַך, ייִדן!“ — „סקאָצל קומט! גוט יאָר אײַך!
ווער זענט איר, ווער?“ — „אַן אורחל אויף שבת.“

„פֿון וואַנען קומט איר, אורחל געטרייער?“
„איך קום מיט ווײַטע, מיט געדרייטע וועגן.“
„וואָס הערט זיך דאָרט, וואָס קענט איר אונדז דערציילן?“
„אוי, ייִדן, איר זאָלט בעסער שוין נישט פֿרעגן.“

„געזען דאָרט פֿעטערס אונדזערע און מומעס?“
מײַן ייִנגעלע ווערט בלייכער אַלץ און בלייכער.
„כ׳בין אויסגעוואָנדערט אין אַלע ווײַטע לענדער —
נאָר פֿון די פֿעטערס, מומעס — נישט קיין זכר . . .“

## אַ בליץ מיט אַ דונער

זע נאָר דעם וואָלקן, וואָס איבערן דאַך!
באַלד וועט אַ בליץ טון, אַ דונער — אַ קראַך.

מע וועט זיך דערשרעקן — אַ רגע בלויז,
און זען, צי די קינדער זײַנען אין הויז.
מע וועט אפֿשר פֿאַרמאַכן די פֿענצטער גיך —
און שטיין פֿון דער ווײַטנס, נאָר אײַנהערן זיך . . .

דער בליץ איז גוט און דער דונער איז ווערט —
ווײַל דערנאָך נעמט אַ רעגן באַגיסן די ערד —

און דערנאָך נעמען וואַקסן רעטעך און פֿלוים
און כּלערליי גוטסן אין פֿעלד און אויף בוים.

## פרימאָרגן אין דאָרף

די הון איז דאָ: קאָדקעדאָ! קאָדקעדאָ! קאָדקעדיי!
וואָס לאָזט זי וויסן דערמיט?
כ׳האָב געלייגט אַן איי, אַזוי ווייס ווי שניי —
אַזוינס געפינט מען ניט!

און די קו, אַז זי מרוקעט מו אין שטאַל —
וואָס זאָגט זי דעמאָלט, וואָס?
איך גיב אייך מילך, ווי פון אַ קוואַל,
וויל איך זיין אויף דער לאָנקע, אויף גראָז.

און דאָס לעמעלע מעקעט שטיל און קלוג,
און פרייט זיך און זאָגט אַזוי:
די וואַרעמע וואָל, וואָס איך גיב אייך גענוג,
איז ווייס, אָדער שוואַרץ, אָדער גרוי.

און דער הונט — ער האַווקעט און ער זאָגט:
מיך אויכעט נישט פאַרגעסט —
איך היט אייך אָפּ סיי נאַכט, סיי טאָג,
אין היצן און אין פרעסט.

און דאָס פערד איז שטיל און הירזשעט בלויז:
איך אַרבעט מיט אַלעמען גלייך.
שוין צייט, איך זאָל אויף דער לאָנקע אַרויס,
אויף דער לאָנקע און צום טייך.

און דאָס קעצל זאָגט: איך שלאָף נישט, מיו,
סע דאַכט זיך אייך נאָר אויס.
צו יעדן ווינקעלע הער איך מיך צו,
צי באַהאַלט זיך נישט דאָרט קיין מויז.

דער פרימאָרגן איז דאָ — ווי פון הימל אַרויס.
די נאַכט איז אַנטרונען וואו,
און די גאַנצע וועלט, פון קליין ביז גרויס,
שטייט אויף, אַ געשפּרייטע מיט רו.

## מ ש ה

אויף די וואַסערן, די קלאָרע,
אינעם שטילן ווינט,
שווימט אַ קעסטל, און אין קעסטל
ליגט און וויינט אַ קינד.

באַלד וועט פרעהס ייִנגסטע טאָכטער
נידערן אַהער,
און וועט פרעגן אירע דינסטן:
ווער איז דאָס דאָרט, ווער?

זי וועט עפענען דאָס קעסטל:
גוט איז מיר געשען!
איך האָב נאָך אַזאַ מין שיינקייט
קיין מאָל נישט געזען.

וויין נישט, דו וועסט הייסן משה,
און וועסט ווערן גרויס —
און צו פּרעהן וועסטו זאָגן:
לאָז מיין פאָלק אַרויס!



# גלאָסאַר

•

אַרומשלאַיען — זיך אַרומיאָגן

באַלינגע — פערדמיסט

בארבוליע — בולבע

האָניען — טרייבן

העשען — וויינען ספאַזמאַטיש

יאַסיקל — קישעלע

כאָכאָטשען — לאַכן גראָב

ליאַמע — שמחהלע

צעפּוזשעט — צעהיצט

קאָבזע — פּרימיטיווע לירע, וואָס מיט איין האנט צימבלט מען אויף איר און מיט דער צווייטער דרייט מען א קאָרבע (הענטל)

קיסנען — „זידן" מיט א שטענדיקן, דינעם פּייף (א פּייערל קען קיסנען, אַ רעגנדל)

שעלעשטשען — פלעסקען, פליוסקען, ווי דער קלאַנג פון אַ יאָגנדיק וואַסערל.

---

## עטלעכע ווערטער

יוסף ראָלניק ע"ה האָט מיר אמאָל פירגעוואָרפן, אז איך ניץ אין טייל לידער צו פיל לאָקאליזמען. ער האָט אויף דער מינוט געהאט פארגעסן, אז ער ניצט אויך היפּש לאָקאליזמען אין זיינע לידער פון דער מיל און פונעם דאָרף. סיי־ווי, עטלעכע ווערטער, וואָס כ'האָב זיי עפּעס נישט געקענט געפינען ביי הארקאַווין, האָב איך אין גלאָ־סאר פארטייטשט באזונדער.

די דריי לידער „חלום־צויטן" (ז"ז 68 ביז 70) זענען געווען געדרוקט אינעם מ. מענאַכאָווסקי־זאמלבוך „דער

וועג״ (תל־אביב 1946) — אָבער זיי שטייען על־פּי טעות אונטערן נאָמען פון א באוואוסטער יידישער דיכטערין. מיין נאָמען איז, הייסט עס, ארויסגעפאלן. אזוינע זאכן טרעפן זיך, און טעות לעולם חוזר.

מיין ברודער מתתי׳ פרעגט מיך, — ער איינער, מער קיינער נישט, — ווי אזוי כ׳האָב עס געקאָנט שרייבן (אין מיין ליד „גאָט, נאָר דו אליין״, אין בוך „איך קום אהיים״, זייטל 128), אז „די ערד איז א בויד מיט ציגיינערס, די גנבה — איז ווייט פון שיין״, אאז״וו.

כ׳בין אים אריינגעפאלן אין די רייד, ווייל כ׳האָב אים פארשטאנען אויפן וואונק: מע טאָר אזוי נישט שרייבן וועגן א צווייט פאָלק. אזוי טאָר אוודאי א ייד נישט שרייבן וועגן די ציגיינערס, די הימלאָזע, די געיאָגטע, און וואָס דער דייטש י״ש האָט זיי געקאָסעט פונקט ווי אונדז, יידן. די ציגיינערס, דער סינאָנים פון אומבאזעצטקייט און פון — געצוואונגענעם — וואנדערלעבן, — וועמען האָבן זיי שלעכטס געטאָן? מע האלט דעם באליידיקטן פאר א באַליידיקער און דעם באגנבעטן פאר א גנב — און אָט דעם גנב דארף מען דאָך באשפייען. ס׳איז אן אלטער כלל. א באַקאַנטער . . . מיך פארדריסט, וואָס כ׳האָב געקענט שרייבן אזא שורה. ס׳איז נישט גלאט קיין פּליטת־הקולמוס.

איך דארף די שורה איבערשרייבן: „די ערד איז א בויד מיט גנבים״ (כאָטש — די גנבים האָבן מיך אויך נישט אומגליקלעך געמאכט). דאָס אייגענע גייט וועגן נאָך א צוויי שורות, וואו איך נוץ דאָס וואָרט ציגיינערס (אין מיין פריערדיקן בוך, ז״ז 157 און 183).

איך דאנק מיין פריינד שמשון דונסקי, וואָס ער האָט געלייענט די קאָרעקטורן אויך פון מיין איצטיקן בוך, ווי פונעם פריערדיקן, און מיך אויסגעהיט פון היפש עטלעכע גרייזן: טיפּאָגראַפישע און אנדערע. איך האָף, אים אָפּצודינען אין פריידן.

פון מיין ערשטן בוך („א סטעזשקע", 1940) ביזן צווייטן — („איך קום אהיים") — זענען אריבער 23 יאָר. דאָס נאַרישקייט איז מיר געראָטן. מיט דער איצטיקער זאַמלונג לידער האָב איך מורא צו וואַרטן. וואָס קען דער מענטש פּלאַנעווען, בפרט היינט? אָבער אַז ס'וועט באַשערט זיין, וועט זיין א פערטע זאמלונג אויך. אָן א צייט טוט זיך נישט גאָרנישט.

מאָנטרעאל, מאי 1966

# תוכן

•

## אויף מיין פידעלע ליד


בוקאָווינער לאַנדשאַפט מיט א קראָ — 3
וויפיל כוואליעס האָסטו טייך — 4
א פארבאָרגענע האַנט — 5
א תפילה קצרה — 7
צו פוסנס א וואלד — 7
אויף מיין פידעלע ליד — 9
דער טאטע שרייבט א בריוו — 10
סליחות־צייט אין שטאָט — 11
א סגול שטערן — 15
צון א שכנותדיקן עפּלבוים — 16
סע טרעפט — 17
ווי א טאָליק טייכעלע — 18
זי גרייכט מיר ביז צום אקסל — 19
כ׳האָב אראָפּגעקוקט פון א הויכער בריק — 20
צו קאָפּנס מיין יינגעלעס בעטל — 20
אויפן טויט פון א צוויי־יעריק מיידעלע — 22
א הימל מיט שטערן — 24
א חזן א דייטש — 26
הינטערן פענצטער — 28
די נויט — 29
אזוי ווי — 31
אוי, דו נאריש ביסל משקה — 31
איך, אלטער מלמד — 32
אַ וויספּע — 35
דאָס ליכטיקע לעמעלע — 37
אַ ליד פון אַ בלינדן קאַבזאַר — 38
אין וואלד — 41

אַן אומגליק קען געשען — — — — — — — — — — — — — 45
אַ מעשה — — — — — — — — — — — — — — — — 47

## חלום-צויטן

אַזאַ־אָ הארבסט — — — — — — — — — — — — — — 63
אַ ליאַלקע, אַזוי ווי אַן עופעלע גרויס — — — — — — — — 66
חצות קומט א ווינטל אַראָפּ אויף דער ערד — — — — 67
חלום־צויטן — — — — — — — — — — — — — — — 68
אַ יידיש יינגעלע שעמט זיך — — — — — — — — — — — 71
צו דער בלייכער לבנה — — — — — — — — — — — — 73

## מיט קליינוואַרג

אַ יינגעלעס בילד אין גראַמען — — — — — — — — — — 74
אַן אורחל אויף שבת — — — — — — — — — — — — — 75
אַ בליץ מיט א דונער — — — — — — — — — — — — — 75
פרימאָרגן אין דאָרף — — — — — — — — — — — — — 76
משה — — — — — — — — — — — — — — — — — 77